# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען געמומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ראש השנה

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

מכון באר האמונה

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

© 2025 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת נצבים


לעשות את השבת - דער לעצטער שבת פונעם יאָר ........ ד

ושבת עד ה' אלוקיך - דער גרויסע כח פון תשובה ........ ה

טוב ומטיב לכל - מבטל זיין שווערע גזירות דורך גמילות חסדים ........ י

ועד אחרית שנה - דאָס חשיבות פון לעצטן טאָג פונעם יאָר ........ יז


## ראש השנה


יגילו במלכם - ראש השנה איז גאָר אַ פרייליכע טאָג ........ כ

בזאת אני בוטח - מיר זענען פאַרזיכערט אַז דער בוכ"ע וועט אונז שענקן אַ זיס יאָר ........ כג

יום הזכרון - מ'קען אין ר"ה אַלעס טוישן לטובה ........ כו

מה שתבקש מהיוצר, יעשה - יעדע פשוט'ע תפילה, האָט אַ מורא'דיגע כח ........ לא

בקש רחמים כעני בפתח - אַלעס הייבט זיך אָן פונדאַסניי ........ לד

בספר פרנסה וכלכלה - דער חיוב און זכות מתפלל צו זיין אויף פרנסה ........ לז

כי תצא למלחמה - התעוררות פאַר תקיעת שופר ........ מ

קול שופר - אויסרייסן דעם 'דבר אחר' פון אידישע הערצער ........ מג

זכרון תרועה - די סגולה פון די תקיעות ברוחניות ובגשמיות ........ מז

כתבנו בספר זכויות - מקבל זיין גוטע קבלות אויפ'ן גאַנצן יאָר ........ נא


**ספה"ק בת עין**

**הִנֵּה יָדוּעַ שֶׁעִיקָּר בְּחִינַת שׁוֹפָר הוּא בְּחִינַת הִתְפָּאֲרוּת** ס'איז באקאנט אז די עיקר בחינה און טעם פון בלאזן די שופר איז די בחינה פון 'התפארות' - דאס מיינט אז השי"ת שטאלצירט מיט די יודן, **שׁוֹפָר מִלְּשׁוֹן שׁוּפְרָא** די ווארט 'שופר' איז פון די שפראך 'שיינקייט', **הַיְינוּ שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מִתְפָּאֵר עִם עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל** דאס מיינט אז דער באשעפער שטאלצירט מיט זיין פאלק - די יודען, **כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר** (דברי הימים א יז, כא) **'וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל'** אזוי ווי אונז זעהן אז השי"ת שטאלצירט מיט אונז ווי דער פסוק זאגט 'און ווער איז אזוי ווי דיין פאלק ישראל'.

**וְאֵימָתַי מִתְפָּאֵר עִם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** און ווען טוט זיך השי"ת בארימען מיט די יודען, **כְּשֶׁהֵם גּוֹי אֶחָד** ווען זיי זענען איין פאלק, **הַיְינוּ שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אַחְדוּת** דאס מיינט ווען זיי זענען פאראייניגט און האבן אחדות, **וְאֵין בְּלֵב אֶחָד עַל חֲבֵרוֹ שׁוּם שִׂנְאָה כְּלָל וּכְלָל** און ס'איז נישט דא אין די הארץ פון איינעם אינגאנצן נישט קיין שום שנאה אויף זיין חבר.

**וְעַל זֶה מְרַמֵּז שׁוֹפָר** און אויף דאס ענין פון אחדות איז מרמז די ענין פון די שופר, **כִּי שׁוֹפָר עִם תֵּיבַת יָד שֶׁאוֹחֵז בּוֹ עוֹלֶה ת"ר** ווייל די ווארט 'שופר' מיט די ווארט 'יד' – וואס מיינט די האנט מיט וואס ער כאפט אן די שופר – איז בגמטריא ת"ר (600) , **מְרַמֵּז עַל ת"ר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיוּ בְּאַחְדוּת** דאס איז מרמז אויף די 600.000 נשמות פון די יודען. **(דרוש לראש השנה)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת נצבים

**לעשות את השבת - דער לעצטער שבת פונעם יאָר**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'שפת אמת' (נצבים תרנ"ה), אַז מען דאַרף זיך שטאַרקן אין דעם לעצטן שבת ביים סוף פון יאָר, ווייל די די גמרא זאָגט (שבת קיח.) אַז אויב אידן וואָלטן געהיטן איין שבת ריכטיג, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן, און אויך זאָגט די גמרא (שבת יב.) 'יכולה היא שתרחם'. דער שבת איז בכח מעורר צו זיין מדת הרחמים אויפ'ן מענטש[א].

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער לעצטער שבת פונעם יאָר איז כולל אין זיך אַלע שבתים פון פאַרגאַנגענעם יאָר, און עס האָט אין זיך אַלע כוחות פון די שבתים פונעם יאָר[ב].

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'בית אהרן' (קבט: ד"ה 'עוד'), אַז שבת פאַר יום טוב, איז די הכנה צום יום טוב, ווי מיר זאָגן, 'תחילה למקראי קודש', ווייל פונעם שבת ווערט נשפע די קדושה פונעם יום טוב, עכ"ל.

**דער** 'באר מים חיים' שרייבט (נצבים, ד"ה 'אתם נצבים'): אַלע ברכות און טובות און חסדים, וואָס ווערן געטוהן אין משך פון די וואָך, פאַר דער וועלט בכלליות, אָדער פאַר אַ פרטיות'דיגן מענטש, אַלעס ווערט געטוהן און עס ווערט נמשך אין דעם פריערדיגן שבת. קומט אויס, אַז אויך אין דעם יום הגדול והנורא, ראש השנה, ווען דער אויבערשטער טוט משפט'ן אלע אידן, און ער באַשטימט פאַר זיי לעבן און פרנסה אַלעס ווערט געטוהן אין דעם שבת פריער פאַר ראש השנה, אין דעם שבת מקור הברכה. און צוליב דעם ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תכח, ס"ד), אַז מ'לייענט אייביג די פרשה פון 'אתם נצבים' פאַר ראש השנה, ווייל עס איז מרמז אויף ראש השנה, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (פחס, דף רלא.) אַז דאָס וואָרט 'היום' מיינט ראש השנה.

---

**א.** דער חיד"א זי"ע שרייבט אין ספר 'נחל קדומים', אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, ב) 'ושבת עד ה' אלוקיך'. 'ושבת' איז די זעלבע אותיות ווי 'ושבת', אַ רמז אַז **תשובה איז שייך נאָר דורך שמירת שבת**. און ער שרייבט דאָרט אַז מ'קען נישט תשובה טוהן באמת, אויב מ'איז זיך נישט מזרז צו היטן שבת.

עס ווערט געברענגט ('דעת זקנים', ע' עד) אין נאָמען פון הרה"ק רבי ישראל אברהם זי"ע פון טשאַרנא אסטראהּ (אַ זון פון דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא פון האַניפּאָלי זי"ע), **אַז די בעסטע עצה אַרויסצוגיין זכאי ביים דין, איז אַז דריי טעג פאַר דעם טאָג פונעם משפט, זאָל מען נישט האָבן קיין שום שייכות מיט'ן יצר הרע**, ווייל עס ווערט גע'פסק'ענט ביי די הלכות פון עדות (סנהדרין כז. ובשו"ע חו"מ), אַז אַ שונא איז פסול צו זאָגן עדות. זאָגט די גמרא, ווען הייסט איינער אַ שונא? אויב ער האָט נישט גערעדט מיט יענעם דריי טעג צוליב פיינטשאַפט, און חז"ל זאָגן (ברכות סא:) 'צדיקים יצר טוב שופטן, רשעים יצר רע שופטן'. ממילא, קומט אויס אַז אַ מענטש וואָס האָט נישט גערעדט מיט'ן יצר הרע, דריי טעג צוליב 'איבה', ווערט דער שטן גע'פסל'ט צו זיין אַ דיין. ממילא גייט ער אַרויס זכאי ביים דין.

דאָס איז אָבער אַלץ נאָר מיט אַ **'תנאי קודם למעשה', אַז די דריי טעג זאָל ער אינגאַנצן אָפּלאָזן דעם יצר הרע, און ער זאָל נישט האָבן מיט איהם קיין שום שייכות 'מטוב עד רע'**. ממילא, דאַרף מען שוין פון שבת זיך שטאַרקן 'נישט צו רעדן' מיט'ן יצר... און דער זכות פון הייליגן שבת וועט העלפן, אַז די תשובה זאָל געבויט ווערן אויף פעסטע יסודות, און מ'זאָל עס שטאַרק אָנהאַלטן, כדי מ'זאָל קענען זוכה זיין בדין.

**ב.** אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע פון אלכסנדר (נו"י סוף אות א), אין נאָמען פון פריערדיגע צדיקים, אַז פונקט אַזוי ווי אַ שטעקן, ווען מ'הייבט עס אויף אַפילו נאָר ביים עק, הייבט זיך אויף דער גאַנצער שטעקן, דאָס זעלבע איז מיט'ן שבת ביים סוף פונעם יאָר, **דורך דעם וואָס דער מענטש הייבט זיך אויף אין דעם שבת און ער דערנענטערט זיך צו דעם באַשעפער, הייבט ער דערמיט אויף דאָס גאַנצע יאָר, עס איבערצודרייען לטובה ולברכה.**

ראש השנה איז מרומז און אויסגעקריצט אין דעם פריערדיגן שבת. אלעם פאַנגט זיך שוין אָן דעם שבת, און דער מענטש וואָס האָט שכל, דאַרף זעהן אויסצונוצן דעם געהויבענעם שבת ווי ס'דאַרף צו זיין[ג].

**אויך** ווערט געברענגט ('אמרי פנחס', אות תמב), אַז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט, אַז ביי שלש סעודות ווערט נגזר ווי אַזוי מ'זאָל זיך פירן מיט'ן מענטש במשך פון די גאַנצע קומענדיגע וואָך[ד].

### ושבת עד ה' אלוקיך - דער גרויסע כח פון תשובה

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (נצבים ל, ב) 'ושבת עד ה' אלוקיך ושמעת בקולו' וגו'. דאָס איז דאָך די פרשת התשובה, פון וועלכע מיר לערנען אַרויס אַסאַך יסודות אין דעם ענין פון תשובה, וואָס איז 'מענינא דיומא'[ה].

**ערשטענס**, דער פסוק זאָגט (פסוק ד) 'אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלוקיך ומשם יקחך', האָבן צדיקים געזאָגט, אַז די תורה וויל אונז דאָ לאָזן הערן, אַז אַ איד טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין. 'נדחך בקצה השמים' - אפילו אויב די האָסט אַזוי פיל געזינדיגט אַז די ביסט ווי אַ פאַרוואָרפענער אויף יענעם עק פונעם הימל ח"ו, וועט דער אויבערשטער דיך צוריקברענגען אויך פון דאָרט: 'משם יקבצך ה' אלוקיך'[ו], ווייל אַ טאַטע האָט שטענדיג רחמנות אויף זיין קינד. דעם אויבערשטען'ס האַנט איז אייביג אויסגעשטרעקט אָנצונעמען אונזער תשובה. ער זיצט

---

**ג.** דער שבת פאַר ראש השנה, האָט אין זיך אויך אַ 'תוספת ברכה', ווי דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אַז שבת פאַר ראש השנה בענטשט מען נישט דעם חודש, כאָטש עס איז דער שבת פאַר חודש תשרי, ווייל **אין דעם שבת, בענטשט דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו דעם חודש**. מיט'ן כח פון אט די ברכת החודש, וואָס דער אויבערשטער בענטשט חודש תשרי, בענטשן מיר אַלע אַנדערע חדשים פון יאָר (געברענגט אין 'קובץ מכתבים', שבסוף ספר 'תהלים אהל יוסף יצחק').

**ד.** הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אויך געזאָגט, אַז צוליב דעם ווערט שלש סעודות אָנגערופן 'סעודתא דזעיר אנפין', ווייל דער מענטש דאַרף זיך האַלטן קליין, און הרה"ק רבי שמעריל (ווארכיווקער) ז"ל האָט צוגעגעבן, אַז איין זאַך ווענדעט זיך אינעם אַנדערן. אין דער צייט פון שלש סעודות, קען מען בעטן אויף שפלות, און וועגן דעם דאַרף מען ביי שלש סעודות אין דעם שבת פאַר ראש השנה, מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, אַז מ'זאָל זוכה זיין צו האָבן הכנעה און שפלות אין ראש השנה. [ווייל די גמרא זאָגט דאָך (ר"ה כו:) אַז אין ראש השנה, וואָס מער דער מענטש בייגט זיך אין זיין מחשבה, איז עס בעסער פאַר איהם].

**ה.** דער 'לבוש' שרייבט (סי' תכ"ח ס"ד) אַז מ'לייענט די פרשה פון 'אתם נצבים' אין דעם שבת פאַר ראש השנה, ווייל עס ווערט דאָרט אַסאַך דערמאָנט די מצוה פון תשובה.

**ו.** 'שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד' - צוויי צדיקים האָבן געזאָגט די זעלבע ווערטער, הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע (געברענגט אין ספר 'תורת אבות'), און הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין (קלא.) אַז 'קצה השמים' איז מרמז אויף די מדה פון קדושה (זוהר, ח"ב קלז.). זאָגט אונז דער פסוק, **אַז אפילו איינער וואָס האָט ח"ו פוגם געווען אין די מדה פון קדושה, וואָס ס'איז נישטאָ אַ גרעסערע 'נידח' פון איהם, פונדעסטוועגן - 'משם יקבצך ה' אלוקיך'**. דער אויבערשטער וועט זיך ברענגען אויך פון דאָרט, 'ומשם יקחך' - מיט'ן כח פון תשובה, ווייל **אמת'דיגע תשובה פועל'ט אַפילו אויף די האַרבסטע עבירות** (אויך אויף די עבירות וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט אַז עס העלפט נישט אויף זיי קיין תשובה).

צדיקים האָבן געזאָגט אַ מליצה ישרה לזכותם של ישראל, אַ טעם פאַרוואָס מ'לייענט דעם ערשטן טאָג ראש השנה די פרשה פון 'וה' פקד את שרה כאשר אמר', און דערנאָך די גאַנצע מעשה מיט הגר און ישמעאל, ווייל דאָרט שטייט (בראשית כא, כא) 'ותקח לו אמו אשה מארץ מצרים', הגר האָט גענומען פאַר ישמעאל אַ פרוי פון לאַנד מצרים. זאָגט רש"י, אַז זי האָט גענומען פאַר איהם אַ פרוי 'פון דעם אָרט וואו זי איז ערצויגן געוואָרן', ווי מענטשן זאָגן, אויב דו וועסט אַרויפוואַרפן אַ שטעקן אין דער לופט, וועט עס פאַלן צוריק צו זיין מקור. דאָס זעלבע איז געווען ביי הגר, כאָטש זי האָט פאַרלאָזט איר געבורט-אָרט און איז געגאַנגען צו אברהם אבינו ע"ה, פונדעסטוועגן, איז זי צום סוף צוריקגעגאַנגען צו איר מקור, דאָס ערשטע אָרט פון וואו זי איז געקומען - מצרים.

כביכול און קוקט אַרויס', אַפילו אויף די תשובה פון אַזאַ איינעם, וואָס איז 'פאַרשטויסן אין אַנדערן עק פונעם הימל'[ח].

**אַזוי** טייטשן די ספרים ('מי השילוח', 'פרי צדיק', ועוד) דעם פסוק אָנהייב היינטיגע פרשה, 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם'. אין וואָס פאַר אַ מצב איר זאָלט נאָר נישט זיין, שטייט איר נאָך אַלץ 'לפני ה' אלוקיכם'.

**אַ** איד טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין און זאָגן, איך בין דאָך שוין אַזוי דערווייטערט פון באַשעפער אַז איך האָב שוין חלילה נישט קיין האפענונג, נאָר ער דאַרף געדענקען וואָס דער 'תרגום יונתן' שרייבט אויפ'ן פסוק (כט, יח) 'והיה בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך'. די ווערטער 'והתברך בלבבו' טייטשט דער 'תרגום יונתן': 'ויתייאש בלביה' - ער וועט זיך מייאש זיין אין זיין האַרץ (צו טראַכטן אַז ער קען שוין חלילה נישט האָבן אַ תיקון).

**זעהען** מיר קלאָר, אַז דער יאוש פון אייגענעם מצב, איז נאָך ערגער ווי די עצם עבירה. אַלע קללות ח"ו וואָס ווערן אויסגערעכנט ווייטער אין די פסוקים, גייען אַרויף אויף איינעם וואָס פאַלט אַריין אין יאוש. אַזוי לאַנג ווי ער פרובירט נאָך צו נתעורר ווערן און פאַרבעסערן זיינע מעשים, האָט ער נאָך אַ תיקון, אָבער איינער וואָס האָט זיך שוין מייאש געווען, קען מען נישט וויסן וואָס די רעזולטאַטן דערפון וועלן זיין ח"ו.

**מיר** דאַרפן זיך גוט איינ'חזר'ן, אַז די מצוה פון תשובה איז שייך ביי יעדן איד, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (ל, יא-יב) 'כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה

---

דאָס קומען מיר 'דערמאַנען' דעם אויבערשטען כביכול אין דעם הייליגן טאָג פון ראש השנה: **רבונו של עולם, אויך אויב די אידן, דיינע ליבע קינדער, האָבן ליידער געזינדיגט און זענען געוואָרן דערווייטערט פון דיר, אָבער נאָך אַלעם, וועלן זיי צוריקקומען צו זייער ערשטן מקור...**

דאָס זעלבע, אויב איינער איז זיך מייאש ח"ו, זאָגט מען איהם, אפי' אויב דו ביזט שוין אַדורכגעגאַנגען אַסאַך 'גלגולים', **זאָלסטו וויסן אַז דו ביזט נאָך אַלץ מחובר און מקושר צו די קדושה, אַזוי ווי פריער!**

**ז.** דער ראַדאַמישלער רב, הגאון מהר"ש ענגיל זצ"ל, ברענגט (אין זיין ספר 'שפתי מהר"ש'), אַז ער האָט אַמאָל ביי שלש סעודות געהערט פון הייליגן צאַנזער רב בעל 'דברי חיים' זי"ע, אויפ'ן פסוק 'לעברך בברית ה' וגו' אשר אנכי כורת עמך היום'. די סופי תיבות פון די ווערטער כור'**ת** עמ'**ך** היו'**ם** איז 'כתם' - אַ רמז אַז **אויך אויב דער מענטש האָט אויף זיך 'פלעקן' פון עבירות ח"ו, וויל דער אויבערשטער נאָך אַלץ מאַכן מיט איהם אַ בונד.** דער אויבערשטער אַליין זאָגט צו איהם: 'אשר אנכי כורת עמך היום'.

**ח.** מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן מחנך, אַז אַמאָל איז געקומען צו איהם איינער וואָס איז ליידער אַראָפּ פון וועג רח"ל, אויף אַזוי ווייט אַז ער איז פאַרוואַלגערט געוואָרן קיין אינדיע, ה' ירחם, און האָט שוין אַפילו אויסגעטוהן דעם קאַפּל. האָט דער מחנך איהם געפרעגט, פאַרוואָס ביזטו געקומען צו מיר, און ער האָט געענטפערט, אַז ער איז אַריינגעגאַנגען אין דאָרטיגן 'בית חב"ד', וואו ער האָט באַגעגענט אַ איד אַ ירא שמים, וועלכער האָט איהם געזאָגט: 'עס וועט דיר גאָרנישט העלפן... דו קענסט גיין מיט אַ קאַפּל, אָדער אָן אַ קאַפּל... אָבער וויסן זאָלסטו, אַז אין יעדן מצב, וואַרט דער אויבערשטער אויף דיר אַז דו זאָלסט זיך אומקערן צו איהם'. די ווערטער פון דעם ערליכן איד, וועלכע זענען - ווי עס ווייזט אויס - געווען 'דברים היוצאים מן הלב', זענען איהם 'גוט אַריין אין די ביינער', און אויך אין האַרץ... און זיי 'קלינגען' איהם אין די אויערן, ממש ער געפינט זיך נישט קיין מנוחה. ער גייט פון איין מחנך צום אַנדערן כדי צו געפינען דעם וועג צוריקצוקומען צום באַשעפער.

דער מחנך וואָס האָט עס אונז דערציילט, האָט צוגעגעבן, אַז דער ערליכער איד וואָס האָט געזאָגט די אויבן-דערמאנטע ווערטער צו דעם פאַרשוין, שטעלט זיך גאָרנישט פאָר וואָס פאַראַ 'מהפכה' פון קדושה זיינע ווערטער האָבן גורם געווען...

לדידן ייאמר, אין יעדן מצב וואָס מיר זענען, וואַרט דער אויבערשטער אויף אונז אַז מיר זאָלן זיך וועלן דערנענטערן צו איהם. מיר דאַרפן נאָר עפענען אונזערע 'אויערן' און דאָס האַרץ, און הערן דאָס קול פון דעם אויבערשטען וואָס ער שרייט צו אונז: 'שובו אלי'.

היא[ט], לא בשמים היא' וגו', נאָר 'יעזוב' רשע דרכו'[יא] (ישעיה נה, ז), מ'דאַרף נאָר אָפּלאָזן די שלעכטע וועגן,

---

**ט.** מ'דאַרף נישט גיין 'ווייט' צו זוכן די 'תשובה', נאָר עס איז נאָנט צו אונז, ממש 'ביי דער האַנט', ווי מ'זאָגט.

הגה"צ רבי שריה דעבליצקי זצ"ל האט דערציילט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי איהם: ראש השנה אינדערפרי, האָט ער זיך געפעדערט צו גיין אין מקוה אינמיטן נאַכט, פאַר דריי אַזייגער, וועלנדיג זיין גרייט צו דאווענען ותיקין. אין פאָדער-צימער און אין צימער פון די שטיגן, איז אָבער געווען טונקל. ער האָט געהאָפט, אַז אין צימער פון די מקוה זעלבסט איז יאָ לעכטיג. ער האָט אָבער קוים געקענט טרעפן אין דער פינצטערניש דעם שליסל צו די מקוה, אָבער אויך דאָרט איז געווען פינצטער. 'אַז איך האָב שוין געעפענט די טיר, האָב איך געקלערט אַז איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן אין דער פינצטערניש. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זיך דאָרט אויסגעטוהן, און פון דאָרט בין איך אַריין אין מקוה. פלוצלינג, האָב איך פאַרלוירן חשבון אויף וועלכן ווינקל איך שטיי... איך האָב געטאַפּט די ווענט און אויך די מקוה האָב איך נישט געטראָפן. אַלזאָ, איך האָט 'אַרומשפּאַצירט' אָן אַ תכלית, און פלוצלינג האָב זיך דערזעהן אין וואַסער... אויך גוט...

דערציילט ער ווייטער: 'כ'בין אַריין אין וואַסער, איך האָב זיך גע'טובל'ט און אַרויס פון דאָרט. איך האָב אָבער בשום אופן נישט געקענט טרעפן דעם צימער וואו מ'טוט זיך אָן, און ווען איך האָב שוין יאָ געטראָפן דעם צימער און 'אויסגעטאַפּט' אַ פּאָר בגדים, זענען זיי נישט געווען מיינע... אַ סעקונדע שפּעטער האָב איך געטראָפן מיינע בגדים, און זיך אָנגעטוהן, וועלנדיג אַרויסגיין. דאָ האָט זיך אָבער אַלעס געענדיגט... איך האָב מורא געהאַט אַז מיט יעדן טריט וועל איך זיך נאָר מער פאַרפלאָנטערן. האָב איך באַשלאָסן אין מיין עגמת נפש צו בלייבן זיצן אויפ'ן באַנק, ביז עמיצער וועט זיך דערבאַרימען... איך האָב שוין מורא געהאַט אַז איך וועל 'פאַרפּאַסן' די 'קרבנות', און ווער ווייסט, אויב נישט גאַנץ 'פסוקי דזמרה'... און כ'האָב מתפלל געווען אין האַרץ אויף אַ ישועה.

ס'איז נישט אַריבער אַפילו אַ סעקונדע, און פלוצלינג הער איך טריט פון עמיצן וואָס דערנענטערט זיך און קומט אַראָפּ אין מקוה. האָב איך אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול: איך זעה נישט וואו מ'גייט דאָ אַרויס... האָט דאָס קול מיר געענטפערט: אַ סעקונדע... דאַן האָט עמיצער אויסגעשטעקט צו מיר אַ האַנט און מיך געשטעלט אין אַ סעקונדע אויף די שטיגן. דאַן האָב איך אויסגעפונען, אַז אויך ביז יעצט בין איך געווען נישט מער ווי געציילטע סענטימעטער פון די שטיגן, נאָר איך האָב זיי נישט געזעהן...

דער מוסר השכל פון די מעשה איז, יעדער איד איז באמת זייער נאָנט צו תשובה. בלויז עטליכע 'סענטימעטער' טוהען איהם אָפּטיילן דערפון, נאָר ער מיינט אַז ער געפינט זיך אין אַ טאָטאַלע פינצטערניש, און ער פאַלט דעריבער אַריין אין יאוש רח"ל. פלוצלינג שפּירט אָבער זיין נשמה די טריט פון דעם באַשעפער וואָס דערנענטערט זיך, און ער דאַרף נאָר אויסשרייען 'איך זעה נישט ווי אַזוי מ'גייט אַרויס פון דאָ', און דאַן ענטפערט איהם דאָס קול פון באַשעפער כביכול: 'אַ סעקונדע... אַ סעקונדע'... ער שטרעקט איהם אויס די האַנט, און פירט איהם אַרויס 'אויפ'ן גאַס', און אָט זעהט ער אַז בלויז געציילטע 'סענטימעטער' האָבן אָפּגעטיילט צווישן די פינצטערניש און די לעכטיגקייט, און ער, מיט זיין נאַרישן שכל, האָט געמיינט אַז ער האָט פאַרלוירן דעם וועג. **מ'דאַרף נאָר מאַכן אַ קליינעם רוף צום באַשעפער, און דער אויבערשטער עפענט פאַר אונז די טיר וואָס איז אַזוי גרויס, אַז אַלע וועגענער און קאַרעטער פון דער וועלט קענען דאָרט אַדורכגיין...** 'השיבנו ה' אליך ונשובה'. 'שובה ישראל עד ה' אלוקיך, כי כשלת בעוונך'.

**י.** הרה"ק רבי פייבוש ברעזשאַנער זי"ע זאָגט (שפת אמת', דרוש לעשרת ימי תשובה') אויפ'ן פסוק 'יעזוב רשע דרכו', 'יעזוב' איז פון לשון אַרויסהעלפן, אַזוי ווי (שמות כג, ה') 'עזוב תעזוב עמו'. דער אויבערשטער טוט העלפן דעם רשע, און ער איז איהם מעורר תשובה צו טוהן, ווייל ער וועט זיכער אָננעמען זיין תשובה ['וישוב אל ה' וירחמהו, ואל אלוקינו כי ירבה לסלוח'].

**יא.** די וועלט פרעגט אויף דעם לשון פון פסוק, יעזוב רשע '**דרכו**'. וואָס פאַר אַ 'וועג' האָט דען דער רשע?...

האָט הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, משגיח פון דער ישיבה 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, געענטפערט מיט אַ משל, אַ פאַסטוך האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט מיט זיינע שעפּעלעך אין אַ וואַלד, וואו ער האָט פלוצלינג דערזעהן אַ וואָלף וואָס קומט זיי אַנטקעגן. האָט ער אָנגעהויבן נאָכיאָגן דעם וואָלף מיט 'מסירות נפש', אָבער דער וואָלף קען דאָך גוט לויפן, איז ער אַנטלאָפן פון איהם. צום סוף האָט דער פאַסטוך איהם 'דערווישט', און אַפילו באַוויזן אָנצוכאַפּן דעם וואָלף ביים שוואנץ... דער וואָלף איז אָבער ווייטער געלאָפן און געלאָפן... און דער פאַסטוך האַלט

און מ'ווערט שוין געדעבנט ווי איינער וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן גוטן וועג.

**אויף** דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, יא) 'לעברך בברית וגו' אשר ה' אלוקיך כורת עמך היום', זאָגן די ספרים הקדושים (און ענליך שטייט אין 'שפת אמת', נצבים תרל"ד) אַז 'היום' גייט אַרויף אויף יעדן טאָג אין לעבן פון אַ מענטש, ווי חז"ל זאָגן 'בכל יום יהיו בעיניך כחדשים'. דאָס מיינט, יעדן טאָג זאָגט מען צו די אידן פונדאַסניי: 'אתם נצבים היום כולכם וגו', לעברך בברית ה' אלוקיך', ווייל אַ איד דאַרף זיך שטענדיג באַנייען צו דינען דעם אויבערשטען און שליסן אַ נייעם בונד מיט'ן אויבערשטען. דאָס איז אַ 'מצוה תמידית', זיך צו באַנייען און אָנהייבן פונדאַסניי, נישט צו קוקן אויפ'ן עבר, מ'זאָל זיין ממש אַזוי ווי אַ ניי-געבוירן קינד[ג].

---

גוט אָן די האַנט אינעם ווידל, אַזוי איז ער נאָכגעשלעפּט געוואָרן נאָכ'ן וואָלף ביז ער איז שוין געקומען צו אַ מצב פון סכנות נפשות... אַזוי זענען זיי אַריינגעלאָפן אין שטאָט, וואו צענדליגער מענטשן האָבן פּלוצלינג געזעהן אַ וואָלף אַנטלויפן און אַ פּאַסטוך כאַפּט אָן דעם שוואַנץ, און האָבן זיך צעלאַכט הויך אויפ'ן קול... דער פּאַסטוך, ווידער, האָט געשריגן צו די מענטשן: 'רחמנים בני רחמנים', וואָס לאַכט איר... ראַטעוועט מיך פון דעם וואָלף... האָט אַ קלוגער מענטש איהם געזאָגט: לאָז אָפּ דעם 'שוואַנץ' , און דיין לעבן וועט פון זיך אַליין געראַטעוועט ווערן...

דער נמשל איז, מ'זאָגט צו יעדן איד, לאָז אָפּ דעם 'שוואַנץ'... פאַרוואָס האָסטו זיך געמאַכט אַ 'דרך' פון דיין שלעכטע התנהגות, אַז דו קענסט זיך שוין נישט אָפּלאָזן דערפון... ווער האָט דיר איינגערעדט אַז דו דאַרפסט זיך פירן אַזוי און אַזוי... ס'איז נאָר אַ שלעכטע געוואוינהייט. לאָז אָפּ די דאָזיגע רגילות'ן, און עס וועט דיר זיין גוט...

ענליכע ווערטער, שרייבט דער 'בית אברהם' (פ' נח, ד"ה 'וישלח'), אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, אַז ס'איז דאָ אַ חיה וואָס הייסט 'ביבער'. זי פירט זיך, אַז ווען זי גייט ערגעץ, קערט זי זיך אום געגנוי אויפ'ן זעלבן וועג וואו זי איז געגאַנגען אַהין. אויב מ'וויל איר פאַנגען, דאַרף מען נאָר קוקן וואו זי גייט, און מ'גרייט צו אַ 'נעץ' איר שפּעטער צו פאַנגען ווען זי וועט דאָרט אַדורכגיין אויפ'ן וועג צוריק, אַזוי אַז צוריקגייענדיג פאַלט זי גלייך אַריין אין די פאַסטקע. ווען זי קומט צוריק און זעהט די געפאַר אַז זי גייט געפאַנגען ווערן, הייבט זי אָן צו וויינען, **אָבער עס פאַלט איר נאָך אַלץ נישט איין צו טוישן איר וועג און גיין ערגעץ אַנדערש**, און אַזוי וויינט זי און וויינט ביז זי פאַלט אַריין אין דער נעץ...

דער נמשל איז, אַ איד וואָס רעדט זיך איין אַז ער 'מוז' גיין דווקא אויף אַ געוויסן וועג, און כאָטש ער זעהט דעם גרויסן 'בראָך' און ער 'וויינט', טוישט ער אָבער נישט זיין וועג צו גיין ערגעץ אַנדערש, און אַזוי פאַלט ער אַריין אין דעם גרוב. זאָגט מען אַזאַ איינעם: לאָז דיך אָפּ פון דיינע שגיונות. דו דאַרפסט נאָר באַשליסן אַז דו ביזט נישט 'מחויב' צו גיין אויף יענעם אָרט. גיי אויפ'ן גוטן וועג, און דו וועסט געראַטעוועט ווערן.

דער גאון רבי מרדכי פאָגראַמאַנסקי זצ"ל האָט צוגעגליכן דאָס ענין צו צוויי קליינע ברידער וואָס האָבן זיך געשפּילט, איינער איז געווען דער 'בעל עגלה', און דער צווייטער איז געווען דאָס 'פערדל'. דאָס פערדל שלעפּט דעם וואָגן, אָבער פּלוצלינג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שטאַרקער רעגן. האָט דער 'בעל עגלה' איבערגעלאָזט דאָס 'פערדל', און איז שנעל אַריין אין הויז. ווען די מאַמע פון די קינדער האָט געזעהן אַז נאָר איין קינד איז אַהיימגעקומען, איז זי שנעל אַרויסגעגאַנגען, און געזעהן איר קינד, דאָס כלומר'שטע 'פערדל' שטיין אינדרויסן, איינגעבויגן און 'דורכגעווייקט' פון קאָפּ ביז פיס... האָט זי איהם געפרעגט, פאַרוואָס שטייסטו אינדרויסן. עס רעגנט דאָך אַרויף אויף דיר... האָט דאָס קינד געענטפערט:

- **ווי אַזוי קען איך אַריינקומען אין הויז, איך בין דאָך אַ 'פערד'...**

אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה (תהלים לב, ט) 'אל תהיו כסוס כפרד אין הבין'... מיר שטיין שוין אין די עשרת ימי תשובה, און דער זאָגט 'איך קען נישט אַריינגיין, ווייל איך בין אַ פערד'... איך קען נישט איבערלאָזן מיינע שלעכטע וועגן... **ווער האָט דיר אויסגעזאָגט דעם 'סוד' אַז דו ביזט אַ 'פערד', און ווער צווינגט דיך צו פאַרבלייבן ווייטער אַ 'פערד'**... לאָז אָפּ דיינע געוואוינהייטן, עפן דיינע אויגן, וועסטו זעהן אַז טאַקע צו דיר האָט דער אויבערשטער געזאָגט 'נעשה אדם', און דו ביזט בכוח צו דערגרייכן צו גאָר הויכע מדריגות.

**יב.** אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט צום גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל אַז ער האָט זיך שוין מייאש געווען פון עבודת השם, ווייל ער איז נישט בכוח צו שטיין און קעמפן טאָג-טעגליך קעגן דעם יצר הרע, וואָס שטאַרקט זיך אויף איהם מיט אַלע זיינע כוחות. האָט רבי ישראל סאַלאַנטער איהם געזאָגט:

- **איך זעה, אַז דער יצר הרע גלייבט אין דיר מער ווי דו גלייבסט אַליין אין זיך...** ווייל עס איז דאָך באַקאַנט (ר"ה טז: בשם הירושלמי), אַז ווען אידן בלאָזן שופר אין ראש השנה, ווערט דער שטן צעטומלט, ווייל ער מיינט אַז עס איז דער 'שופר של משיח', און אידן האָבן שוין תשובה געטוהן. קומט אויס, אַז דער שטן גלייבט אַז דו ביזט בכוח תשובה צו טוהן, און דו אַליין גלייבסט נישט אַז דו ביזט בכח זיך אומצוקערן צום באַשעפער. קומט אויס, אַז דער שטן גלייבט אין דיר מער ווי דו אַליין גלייבסט אין זיך...

דער גאון רבי ברוך בער זצ"ל פון קאַמעניץ, בעל 'ברכת שמואל', האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים: ווייסן זאָלט איר, אַז דער יצר הרע לאָזט קיינעם נישט צורוה. ער וועט געפינען פאַר יעדן איינעם אַ וועג איהם אַריינצוכאַפּן אין זיין נעץ. אַפילו אַ 'ראש ישיבה' קען זיך נישט ראַטעווען פון איהם... ריכטיג טאַקע, ער וועט נישט קומען צו דעם ראש ישיבה און זאָגן, לערן נישט היינט, ווייל ער ווייסט דאָך אַז ער וועט איהם נישט פאָלגן, ער איז דאָך אַ ראש ישיבה... ער וועט איהם אויך נישט פּרובירן אָפּרעדן פון יראת שמים, ווייל ער ווייסט אַליין אַז ער וועט נישט הערן זיינע טענות. ער קען נאָר קומען מיט איינרעדענישן פון 'פרומענישן', ער זאָל מחמיר זיין מער ווי מ'דאַרף, כדי ער זאָל באַקומען 'נערוון' ח"ו, און אַזוי קען ער איהם אינגאַנצן אַריינכאַפּן אין זיין ביטערע נעץ.

און רבי ברוך בער האָט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהם זעלבסט. נאָך די ערשטע וועלט מלחמה, האָט ער געוואוינט אין ווילנא מיט זיין טאַטן, הגאון רבי שמואל לייבאָוויץ זצ"ל. איין טאָג איז דער טאַטע געוואָרן זייער נישט געזונט ל"ע, און רבי ברוך בער האָט מקיים געווען די מצוה פון 'כיבוד אב' מיט אַלע הידורים, און איז געזעסן טאָג און נאַכט ביים טאַטנ'ס בעט. זיינע מקורבים האָבן זיך אָבער געזאָרגט פאַר זיין געזונט, און האָבן פאָרגעשלאָגן זיך צו טוישן מיט איינעם פון זיינע תלמידים, וועלכער האָט מסכים געווען צו זיצן ביי זיין טאַטן'ס בעט. צום סוף איז דער טאַטע נפטר געוואָרן ל"ע. האָט רבי ברוך געהאַט גרויס חלישות הדעת דערפון. ער האָט זיך אַליין באַשולדיגט אַז ער האָט זיך נישט געגנוג אָפּגעגעבן מיט'ן טאַטן. אויב ער וואָלט איהם באַהאַנדלט נאָך בעסער, וואָלט ער אפשר געקענט פאַרלענגערן זיינע יאָרן אויף דער וועלט. צוליב דעם צער וואָס ער האָט געהאַט דערפון, איז דאָס לעבן פון רבי ברוך בער געווען אין אַ סכנה ל"ע.

אין אַ טאָג, איז רבי ברוך בער איינגעלאַדן געוואָרן צו אַן אסיפת הרבנים אין ווילנא, וואו איינער פון די ראשי המדברים איז געווען דער הייליגער 'חפץ חיים' זי"ע. דער 'חפץ חיים' האָט, ווי עס זעהט אויס, געהערט וועגן דאָס צובראָכענע האַרץ פון רבי ברוך בער, און ער האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט איהם אין אַ זייטיגן צימער. דאָרט האָט ער זיך גענומען רעדן וועגן דעם ענין פון תשובה, אָנהאַלטנדיג דערביי די האַנט פון רבי ברוך בער, און ער האָט איבערגע'חזר'ט אין זיינע ווערטער מערערע מאָל, **אַז ווען אַ איד טוט תשובה, איז נישט נאָר ווערט דער חטא אינגאַנצן אָפּגעמעקט, נאָר דער גאַנצער מהות פון דעם מענטש ווערט איבערגעדרייט, ער ווערט אַן אַנדערער מענטש...** הערנדיג די ווערטער, איז רבי ברוך בער געוואָרן אַזוי פרייליך, אַז ער האָט זיך גענומען שרייען: **'אַ נייער ברוך בער! אַ נייער ברוך בער!'**

לאַנגע יאָרן שפּעטער, האָט דער גאון רבי ברוך בער געפילט אַ הכרת הטוב פאַר דעם 'חפץ חיים', זאָגנדיג, אַז דער 'חפץ חיים' האָט ממש אַריינגעבלאָזן אין איהם אַ רוח החיים.

## מן הבאר

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע פלעגט מאַכן די ברכה 'שהחיינו', די צווייטע נאַכט ראש השנה ביי קידוש, אין זינען האָבנדיג דעם מילגרוים (וואָס ער האָט עס נישט געגעסן די ערשטע נאַכט פון יום טוב). איין יאָר, די צווייטע נאַכט ראש השנה פאַר'ן טיש (וואָס ער האָט געפירט אין דער לעלוב'ער שול אויף רחוב בהר"ן אין די מאה שערים געגנט פון ירושלים), איז זיין טאָכטער, רעביצין קאָפּ ע"ה, געקומען זאָגן אַז דער מילגרוים איז פול מיט ווערים, מ'וועט עס נישט קענען עסן, און קיין אַנדערע 'נייע פרי' פאַר אַ 'שהחיינו', איז נישט דאָ. האָט דער רבי געזאָגט (ער האָט נישט געמיינט צו זאָגן הלכה למעשה, נאָר צו לערנען דעם עולם וועגן זיך באַנייען מיט אַ 'התחדשות'):

- **נו, מה כל הרעש, איך וועל תשובה טוהן, וועל איך דאָך זיין ווי אַ ניי-געבוירן קינד, וועט מען קענען מאַכן אַ 'שהחיינו' אויפ'ן ניי-געבוירענעם יונגעלע...**

**שרייבט** דער 'שפת אמת' שרייבט א מורא'דיגע טייטש וועגן די גרויסקייט פון תשובה"[יג] (נצבים תרל"ט, ד"ה 'בפסוק'), די אידן זענען דאָך נכשל געוואָרן מיט'ן חטא העגל, דעריבער האט משה רבינו ע"ה געזאָגט צו די אידן, 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם', דווקא ענק און נישט איך, זענען זוכה צו אַזאַ וואונדערליכע מדריגה, צו שטיין היינט 'לפני ה' אלוקיכם', ווייל 'במקום שבעלי תשובה עומדין, אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד'! משה האָט זיך אַרויסגעצויגן פונעם כלל ווייל משה האָט דאָך נישט געזינדיגט ביים עגל.

**שרייבט** דער 'שפת אמת' ווייטער, אַז דאָס אַלעם איז אַ הכנה פאַר אונזערע נידעריגע דורות, אַז מ'זאָל וויסן דעם גרויסן כח פון תשובה.

**ענליך** שרייבט דער 'ש"ך על התורה' (פ' ואתחנן, ד"ה 'ובקשתם') אויפ'ן פסוק (שמות ד, ל) 'ושבת עד ה' אלוקיך' (אַ פסוק מיט'ן זעלבע לשון ווי דאָ, אין פרשת נצבים), אַז די תורה קומט אונז לערנען, דו זאָלסט נישט טראַכטן אַז וויבאַלד דו ביזט פאַרשמירט געוואָרן מיט עבירות וועסטו שוין קיינמאָל נישט קענען ווערן ריין, און דו וועסט נישט זיין אַזוי באַליבט פאַר דעם אויבערשטען אַזוי ווי דער צדיק וואָס האָט איהם קיינמאָל נישט דערצערנט. אויף דעם זאָגט דער פסוק 'עד ה' אלוקיך', דו קענסט דערגרייכן כביכול ביז אַהין, דורך תשובה וועסטו זיך קענען אָנקלעבן צו דיין מקור.

**ענליכע** ווערטער, האָט געזאָגט הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, טו) 'כי ישוב ה' לשוש עליך לטוב כאשר שש על אבותיך', דער תכלית פון די בריאה איז איבערצודרייען שלעכטס צו גוט, און דאָס ווערט אַמבעסטן אויסגעפירט דורך די בעלי תשובה, וואָס טוהען מיט זייער תשובה איבערדרייען דעם שלעכטן חלק צו גוט.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, 'לשוש עליך', דער אויבערשטער האָט אַ שמחה פון יעדן איד וואָס טוט תשובה מיט'ן גאַנצן האַרץ, ווייל דורך דעם ווערט דאָס שלעכטע איבערגעדרייט צום גוטן. די דאָזיגע שמחה איז 'כאשר שש על אבותיך' - פונקט אַזוי ווי ער האָט זיך געפרייט מיט די עבודה פון די אבות הקדושים וואָס האָבן אייביג געטוהן זיין רצון, און גורם געווען פאַר איהם אַ נחת רוח!

**טוב ומטיב לכל - מבטל זיין שווערע גזירות דורך גמילות חסדים**

**אתם** נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם וגו', לעברך בברית ה' אלוקיך (נצבים כט, ט-יא).

**די** ספרים הקדושים רעדן אַרום באריכות, צו טייטשן דעם פסוק בדרך רמז, לויט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב לב:) אַז איבעראַל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'היום', איז עס מרמז אויף ראש השנה. זאָגט דער פסוק: 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם'. אין ראש השנה, שטעלט איר זיך פאַר דעם אויבערשטען. דאָס איז דער טאָג ווען אַלע מענטשן פון דער וועלט גייען אַדורך פאַר דעם אויבערשטען, 'כבני מרון'. יעדער

---

**יג.** אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה, נצבים (ל, ו) 'ומל ה' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך', פרעגן די ספרים, די תורה איז דאָך נצחיות, און אַז דער פסוק רופט אויס צו יעדן איד, 'ומל ה' אלוקיך את לבבך', אויב אַזוי, צו וועמען זאָגט ער ווייטער 'ואת לבב זרעך'. די קינדער זענען דאָך אויך אין כלל פון די צו וועמען די תורה זאָגט 'את לבבך'.

זאָגן די ספרים ('דברי יחזקאל' להרה"ק משינאווע, 'שפת אמת' שנת תרל"ה, 'ישמח ישראל', פ' נצבים, אות ט') אַז דער פסוק קומט זאָגן אַז אויב מ'וועט תשובה טוהן און דער אויבערשטער וועט 'מל'ען' דיין האַרץ, וועט ער שוין 'מל'ען' אויך דיינע קינדער'ס הערצער, אַז אויך זיי זאָלן דינען דעם אויבערשטען.

דער שינאָווער רב זי"ע גיט-צו, אַז **'בחודש אלול הוא העת המוכשר לזה'** - חודש אלול, איז די צייט געאייגענט דערפאַר.

דאָס קען דינען אַלס אַ שטיקל 'עצה' פאַר די עלטערן וועלכע האָבן ליידער אַזוי פיל צער און עגמת נפש ביים ערציען די קינדער אויפ'ן ערליכן אידישן וועג, און זיי קוקן אַרויס און לעכצן נאָך די ישועה פון באַשעפער, אָבער פון דעם לערנען מיר, **אַז אויב די עלטערן וועלן זיך שטאַרקן, וועט ביי זיי מקוים ווערן אויך די הבטחה 'ומל ה' אלוקיך... ואת לבב זרעך'.**

ווערט געצײלט אין דעם טאָג. דער תכלית פון דעם טאָג איז, 'לעברך בברית ה' אלוקיך' -מ'זאָל אַריינקומען אין אַ בונד מיט'ן באַשעפער, צו טוהן זיין רצון און איהם דינען מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ר"ה טז.) 'אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם'.

**גיט** אונז דער פסוק אַן עצה און אַ וועג ווי אַזוי מ'זאָל קענען 'אַריבערגיין' דעם ראש השנה אין אלע היניזיכטן, סיי מיט אַ התרוממות הרוח, זוכה צו זיין צו נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים, און אַזוי זוכה צו זיין בדין, לשנה טובה ומתוקה אין אַלע ענינים.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: 'אתם נצבים היום כולכם' - דורך דעם וואָס איר וועט זיך האַלטן צוזאַמען ('כולכם'), מיט פאַראייניגטע הערצער, וועט איר זוכה זיין צו אַלע טובות און ישועות אויף דער וועלט[יד], ברוחניות ובגשמיות.

**חז"ל** זאָגן (מדרש משלי, יד) אויפ'ן פסוק (משלי כא, כא) 'רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד'. דער וואָס לויפט נאָך צדקה און חסד אויף דער וועלט, געפינט לעבן און צדקה און כבוד ביים יום הדין. (און כאָטש בפשטות, מיינט 'יום הדין' לעתיד לבוא, פונדעסטוועגן איז ראש השנה אויך אין דעם כלל פון 'יום הדין'...).

**מיר** זאָגן אין די תפילות פון די ימים נוראים, 'ותשובה, ותפלה, וצדקה, מעבירין את רוע הגזירה'.

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער 'לקט יושר' (הלכות ימי הסליחות, יב), אין נאָמען פון דער מהר"ם מינץ ז"ל, ווי אַזוי קען מען בטל מאַכן שווערע גזירות?

דורך די מצוה פון גמילות חסדים. דער פסוק זאָגט דאָך (משלי יט, יז) 'מלוה ה' חונן דן', און די גמרא זאָגט (ב"ב י.) אַז רבי יוחנן האָט געזאָגט, אַז ווען נישט וואָס עס שטייט אַזוי אין פסוק, וואָלט מען עס נישט געקענט זאָגן, 'כביכול, עבד לוה לאיש מלוה', אַז דער אויבערשטער ווערט אַזוי ווי איינער וואָס באָרגט פונעם מענטש.

**מיר** האָבן אַ קיימא לן (חו"מ סי' יד, ס"א) אַז דער 'תובע' (וואָס מאָנט געלט ביי אַ צווייטן) דאַרף נאָכגיין נאָך דעם 'נתבע' (דאָס הייסט, ער מוז גיין האַלטן דעם דין תורה ביים בית דין צו וועלכן דער 'נתבע' וויל זיך שטעלן). פונדעסטוועגן, ביי אַ הלוואה, איז דער לוה (וואָס איז דער 'נתבע') מחויב צו גיין נאָך דעם 'תובע' - דעם מלוה. ממילא, אויב דער אויבערשטער כביכול איז אַזוי ווי אַ 'לוה', וואָס באָרגט פון איינעם וואָס טוט אַ חסד מיט'ן מלוה, קומט אויס אַז דער מענטש, וואָס איז דער 'מלוה', איז בכח צו באַשליסן פאַר וועלכן בית דין ער וויל זיך אַוועקשטעלן צום משפט. ממילא, קען ער טענה'ן אַז ער וויל שטיין פאַר מדת החסד און רחמים, און נישט פאַר מדת הדין.

**אַזוי** טייטשן די ספרים, די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען אין די ימים נוראים 'ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת'. דורך דעם וואָס מ'טוט אַ גמילות חסד, איז מען בכח צו באַשליסן אויף וועלבע שטוהל דער אויבערשטער כביכול זאָל זיך זעצן אונז צו משפט'ן[טו].

**גאָר** גרויס איז דער שכר פון די גומלי חסדים בטל צו מאַכן אַ שלעכטע גזירה, ספּעציעל אויב מ'טוט אַ חסד מיט אַ פרעמדן מענטש וועמען מ'קען נישט.

---

**יד.** דער 'שפת אמת' זי"ע ברענגט (ר"ה תרנ"ד, ד"ה 'זכרנו'), אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, אַז **ראש השנה דאַרף מען האָבן אַ גוט אויג, אַפילו אויף די גוים**. ער טייטשט עס בדרך רמז, אין די ווערטער פון דער גמרא (ר"ה כה.) רבינו הקדוש האָט געזאָגט צו רבי חייא: 'זיל **לעין טב** וקדשיה לירחא' (דער פשוט'ער טייטש איז, דו זאָלסט גיין צום אָרט וואָס הייסט 'עין טב', און דאָרט וועסטו קענען זעהן די לבנה און מקדש זיין דעם חודש). זאָגט דער 'חידושי הרי"ם', אַז דאָ איז מרומז אַז קידוש החודש, און **דאָס מקדש זיין דאָס יאָר, ווענדעט זיך אין אַ גוט אויג**.

דער 'שפת אמת' איז מוסיף, חז"ל זאָגן (סוטה ח:) **'במדה שאדם מודד, מודדין לו'**. ממילא, לויט דאָס גוטע אויג וואָס אידן האָבן אין ראש השנה, אַזוי ווערן זיי געזעהן פון דעם אויבערשטען, ווי דער פסוק זאָגט (משלי כב, ט) 'טוב עין הוא יבורך'.

**טו.** אַ יונגערמאַן וועלכער איז געווען אַ חסיד פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, איז אַמאָל געווען במשך דעם גאַנצן טאָג ראש השנה ביים בעט פון זיינס אַ פריינט וועלכער איז געווען נישט געזונט ל"ע, און ער איז געקומען אין שול נאָר צו די תקיעות. ווען רבי שלמה'קע האָט איהם געזעהן, האָט ער געזאָגט: **'דער איד איז אַ**

ווי עס שרייבט דער 'משך חכמה' (פ' אמור, ד"ה 'במדרש'), אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט באַשטימט דעם יום הדין - ראש השנה - אין חודש תשרי, און נישט אין חודש ניסן ווען עס וואלט לכאורה געווען אסאך מער פאסיג, ווייל זומער זענען מענטשן פאַרנומען מיט די אַרבעט אויפ'ן פעלד. מ'שניידט די תבואה, מ'קלויבט די פרוכטן, און אַנדערע אַרבעטן. אָבער אין ווינטער, פאַרמערן זיי זכותים ווען זיי לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטען. אויב אַזוי, וואָלט מען ענדערש געדאַרפט באַשטימען דעם יום הדין אין יום טוב פסח, אין חודש ניסן, ווייל דעמאָלס וועלן די אידן אַרויסגיין זכאי ביים דין, נאָך דעם ווי עס זענען אַריבער אויף זיי די 'ימות הגשמים', די ווינטערדיגע חדשים, מיט לימוד התורה, און די גוים זענען דעמאָלס פאַרנומען מיט תאוות עולם הזה.

**ענטפערט** דער 'משך חכמה', לויט ווי די גמרא דערציילט (ב"ב יא.) אַז בנימין הצדיק איז געווען דער ממונה אויף אַ פושקע פון צדקה. אין אַ הונגער יאָר איז אַמאָל געקומען אַ פרוי און איהם געבעטן ער זאָל איר געבן צו עסן. האָט בנימין הצדיק געשוואוירן אַז ס'איז נישט דאָ קיין געלט אין די צדקה פושקע. האָט די פרוי געזאָגט, 'רבי, אויב דו וועסט מיך נישט שפייזן, וועט אַ פרוי און אירע זיבן קינדער שטאַרבן חלילה'. האָט בנימין הצדיק איר אויסגעהאלטן פון זיין אייגענע טאַש.

**אַ** צייט שפעטער, איז בנימין הצדיק געוואָרן נישט געזונט ל"ע און ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן רח"ל. האָבן די מלאכים אין הימל גע'טענה'ט צו דעם אויבערשטען: 'רבונו של עולם, דו האָסט געזאָגט, כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא, און בנימין הצדיק האָט מחיה געווען אַ פרוי און אירע זיבן קינדער, זאָל ער שטאַרבן אין אַזאַ יונגען עלטער?!' האָט מען באַלד צעריסן דעם גזר הדין, און בנימין הצדיק האָט דערנאָך געלעבט נאָך 22 יאָר.

**ברענגט** דער 'משך חכמה', אַז ער האָט געהערט, אַז נישט אומזיסט איז ער גערופן געוואָרן 'בנימין הצדיק'. ער איז אַוודאי געווען פול מיט מצוות און מעשים טובים, און פונדעסטוועגן, ווען זיין לעבן איז געווען אין אַ סכנה, עס האָט זיך געענדיגט די קצבה פון זיין לעבן, איז כדי איהם צוצוגעבן לעבן לפנים משורת הדין, האָט מען געמוזט געפינען ביי איהם אַ זכות פון צדקה וחסד, וואָס ער האָט מחיה געווען די פרוי און אירע זיבן קינדער פון זיין אייגענער טאַש.

**לויט** דעם איז פאַרענטפערט די קשיא פאַרוואָס מ'האָט נישט באַשטימט דעם יום הדין נאָך די ווינטער חדשים. אויב דער משפט אין ראש השנה וואָלט געווען נאָר וועגן פרנסה און געזונט, וואָלט עס אַוודאי געהאָלפן פאַר די אידן דער זכות פון זייער לימוד התורה, אין קעגנזאַץ צו די גוים וואָס זענען באַשעפטיגט מיט נידעריגע תאוות, אָבער וויבאַלד אין ראש השנה איז דער משפט 'מי לחיים ומי ...', מוז מען האָבן דעם זכות פון צדקה וחסד לפנים משורת הדין, און אַזאַ זכות האָבן אידן דייקא נאָכ'ן זוממער, און נאָכ'ן קלויבן די פרוכטן פון די ביימער, ווען זיי לאָזן איבער לקט, שכחה, און פאה. אַט דער זכות איז וויכטיג נאָך מער ווי תרומות און מעשרות, ווייל תרומה און מעשר גיט מען דאָך פאַר דעם כהן און פאַר דעם לוי, וועמען מ'קען, און ממילא האָט מען דערפון אַ טובת הנאה. אָבער לקט שכחה ופאה, וואָס דער בעה"ב לאָזט איבער אויפ'ן פעלד, און ער לייגט אַוועק פון זיין האָרעוואַניע פאַר יעדן איינעם

---

**בן עולם הבא** (כאָטש געוועהנליך, האָט מען נישט געהערט פון איהם אַזעלכע ווערטער), ווייל גמילות חסדים האָט אַ כח אַז מ'איז זוכה דורך דעם צו עולם הבא.

קען מען צושטעלן צו דעם וואָס הרה"ק רבי יאַנקעלע פשעוואָרסקער זי"ע האָט געזאָגט אויף די גמרא (מגילה לב.) אַז דער מענטש וואָס מאַכט 'גלילה' אויף די ספר תורה, באַקומט שכר מער ווי אַלע. האָט רבי יאַנקעלע געזאָגט בדרך רמז ומליצה, **'יאָך זאָג פשט, אַז דער מענטש וואָס איז 'גולל', ער פאַרמאַכט זיין ספר, כדי צו גיין העלפן אַ צווייטן איד, באַקומט ער שכר קעגן אַלע...'.**

מורא'דיגע ווערטער, געפינען מיר אין 'מטה אפרים' ('אלף המגן', סי' תקפג סק"ד) אין נאָמען פון ספר 'אמרי קודש': דער וואָס איז מקפיד עס זאָל זיין ביי זיין טיש אַ גאַסט ביי יעדע סעודה, ווערט איהם גערעכנט גלייך אַזוי ווי ער וואָלט אין זינען געהאַט אַלע כוונות האריז"ל.

וואָס וועט זוכה זיין דערין, און עס איז אויך מעגליך אַז זיין שונא וועט נעמען דערפון, איז ער דורך דעם זוכה פאַרשריבן צו ווערן לחיים טובים ארוכים ולשלום, ווייל אין הימל קען מען נישט משפט'ן אויב ער איז ראוי צו לעבן אָדער חלילה נישט, ווייל מ'דאַרף זיך דאָך פירן מיט איהם מדה כנגד מדה, און ער האָט געגעבן פאַר די אָרימעלייט אויך פאַר דעם, וואָס האָט עס נישט פאַרדינט.

**דער** לימוד איז נוגע פאַר אונז אַלע, צו זיין אַ 'טוב ומטיב לכל', לרעים ולטובים.

**דער** מענטש זאָל נישט טראַכטן, אַז די מצוה פון צדקה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר רייכע און פאַרמעגליכע, ווייל באמת קען מען מקיים זיין די מצוה פון חסד מיט'ן גוף[טז], און אדרבה, דאָס איז נאָך אַ גרעסערער זכות ווי די מצוה פון צדקה וואָס מ'גיט

---

**טז.** אין דעם כלל איז אויך צו זיין אַ 'וותרן', וואָס ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערער גמילות חסד ווי דאָס.

די גמרא (ברכות יח.) דערציילט אַ מעשה, אַ חסיד האָט געגעבן אַ 'דינר' פאַר אַן אָרימאַן ערב ראש השנה אין אַ הונגער יאָר. זיין ווייב האָט זיך געקריגט מיט איהם וועגן דעם, און ער איז דעריבער געגאַנגען נעכטיגן אינעם בית הקברות, און דאָרט האָט ער געהערט צוויי 'רוחות' (נשמות) רעדן איינע צו די אַנדערע. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע, קום, לאָמיר אַרומפליען איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואס פאַר אַ פּורענות עס קומט ח"ו אויף דער וועלט. האָט די צווייטע איר געענטפערט, איך קען עס נישט טוהן, ווייל איך בין באַגראָבן אין אַ 'מחצלת' פון שטעקעלעך. ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר איבערדערציילן. איז די אַנדערע נשמה אַרומגעפלויגן און ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט די ערשטע איר געפרעגט, וואָס האָסטו געהערט מאחורי הפרגוד? האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט אַז יעדער איינער וואָס וועט איינזייען ביי די ערשטע 'רביעה', וועט אַ האָגל אויסקלאַפּן די תבואה.

און אזוי איז טאַקע געווען. יענע איד אינעם בית הקברות האָט טאַקע געוואַרטן און ער האט ערשט איינגעזייט אין די צווייטע 'רביעה', און די תבואה וואָס אַלע מענטשן פון דער וועלט האָבן איינגעזייט, איז קאַליע געוואָרן, אָבער זיין תבואה, איז נישט קאַליע געוואָרן.

דאָס קומענדיגע יאָר, האָט ער ווידעראַמאָל איבערגענעכטיגט אין אַ בית הקברות, און ער האָט געהערט ווי צוויי נשמות רעדן צווישן זיך. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע: קום און לאָמיר אַרומשוועבן איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואס פאַר אַ שטראָף עס וועט קומען אויף דער וועלט. האָט די צווייטע ווידעראַמאָל געזאָגט צו איר, איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך קען נישט אַרומפליען, ווייל איך בין באַגראָבן געוואָרן צווישן שטעקעלעך, נאָר ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר קומען זאָגן. האָט זי ווידער אַרומגעשוועבט, און ווען זי איז צוריקגעקומען און די אַנדערע נשמה האָט זי געפרעגט וואָס זי האָט געהערט, האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט, אַז יעדער וואָס וועט איינזייען תבואה ביי די צווייטע 'רביעה', וועט זיין תבואה פאַרפלייצט ווערן. נו, שומע ועושה, ער האָט טאַקע איינגעזייעט ביי די ערשטע 'רביעה', און די תבואה פון דער גאַנצער וועלט (וועלכע האבן איינגעזייעט ביי די צווייטע) איז פאַרפלייצט געוואָרן, אָבער זיין תבואה איז נישט פאַרפלייצט געוואָרן.

**לאָמיר זיך מתבונן זיין**, דער דאָזיגער חסיד איז געוואָרן רייך, און האָט איבערגעשטיגן מיט זיין רייכטום אַלע עשירים פון דער וועלט, ווייל די תבואה פון דער גאַנצער וועלט איז חרוב געוואָרן, און נאָר זיין תבואה איז געווען ניי פון היי יאָר. און **צו דעם אַלעם האָט ער זוכה געווען ווייל ער האָט געגעבן צדקה, אַ דינר פאַר אַן אָרימאַן, און זיין פרוי איז געווען בייז אויף איהם.**

עס ווערט געברענגט ('עיון יעקב', על העין יעקב), אַ טעם פאַרוואָס ער איז געגאַנגען שלאָפן דווקא אינעם בית הקברות, און נישט אין שול, ווייל **ער האָט נישט געוואָלט אַז ס'זאָל אַרויסגיין אַ שלעכטער נאָמען אויף זיין פרוי, אַז זי האָט איהם אַזוי באַ'עוול'ט ראש השנה ביינאַכט**. ממילא איז דאָ געווען פון זיין זייט, אַ **'וותרנות בתוך וותרנות'**, און נישט נאָר וואָס ער האָט געשוויגן און ער האָט איר נישט געענטפערט אויף דעם וואָס זי האָט איהם דערצערנט, נאָר ער האָט אויך חס געווען אויף איר כבוד, און אין דעם זכות האָט ער זוכה געווען צו ווערן דער גרעסטער עושר אין דער וועלט.

## מן הבאר

הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל האָט געזאָגט, די ברכה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר אברהם אבינו ע"ה (בראשית יב, ג) 'ואברכה מברכיך', איז דאָך נישט געזאָגט געוואָרן נאָר צו אברהם, נאָר אין דעם איז נכלל אַ ברכה פאַר אַלע זיינע קינדער עד סוף כל הדורות, אַז יעדער וואָס בענטשט אַ איד, איז זוכה געבענטשט צו ווערן פון דעם אויבערשטען. ממילא, **אויב אַ מענטש ווינטשט מיט אַ לעכטיג פנים פאַר זיין חבר ראש השנה בייניאַכט, די ברכה 'לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים ולשלום', טוט דער אויבערשטער אין דער זעלבער צייט אויך בענטשן דעם מענטש מיט אַ 'שנה טובה'... וואָס מער אַ איד בענטשט אַנדערע אידן, ווערט ער אַלץ מער געבענטשט פון דעם אויבערשטען, און ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו אַ ברכה פון דעם אויבערשטען ראש השנה בייניאַכט...**

איין יאָר ראש השנה, איז הרה"ק רבי ישכר בער זי"ע פון ראַדאשיץ, אַריינגעקומען גאָר שפּעט צו די תקיעות. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שול, האָט ער דערציילט אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט ביי זיין רבי'ן, דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע, אַז ער האָט זיך אַמאָל אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט ביז ער איז אַריינגעקומען צו תקיעת שופר, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט אַלס נישט ראוי צוצוגיין בלאָזן. ער האָט נאָכגעזוכט אין זיינע מעשים, צו טרעפן אַ זכות פאַר זיך ווען ער גייט מקיים זיין די מצוות היום, ביז ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט זיך דערמאַנט אַ גוטע זאַך וואָס ער האָט געטוהן. ער האָט זיך געשטאַרקט, און דאַן זיך גענומען צו די עבודת הקודש. ער האָט דערציילט ווי פאָלגענד:

דער לובלינער זי"ע האָט זיך אַמאָל אָפּגעשמועסט מיט זיין משמש בקודש, אויפצושטיין פרי כדי עוסק צו זיין אין מקיים זיין אַ געוויסע מצוה. יענע נאַכט, האָט אָבער דער משמש פאַרגעסן צוצוגרייטן ביים בעט פון רבי'ן, וואַסער זיך צו וואַשן 'נעגל וואַסער'. אינדערפרי, ווען די רבי האָט געזעהן אַז ער קען נישט שטעלן זיין פוס אויף דער ערד, האָט ער בלית ברירה צוגעוואַרט ביז דער משמש וועט קומען, אָבער דער משמש איז נישט אַריינגעקומען. דאָס האָט גורם געווען גרויס צער פאַר'ן רבי'ן פון לובלין, אַז צוליב די אומפאַראַנטוואָרטליכקייט פון דעם משמש, וועט ער דאַרפן אָפּלייגן דעם קיום המצוה. ער האָט שוין אַפילו אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ווען דער משמש וועט אָנקומען, וועט ער איהם גוט אויס'מוסר'ן, אָבער דערנאָך האָט דער לובלינער זיך באַרעכנט, פאַרוואָס זאָל ער זיך בייזערן? די גאַנצע איילעניש איז דאָך נאָר געווען כדי מקיים צו זיין אַ מצוה און טוהן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. און אָט האָט ער יעצט געזעהן אַז **דעם אויבערשטען'ס רצון איז אַז ער זאָל נישט גיין טוהן די מצוה יעצט**, ממילא, וואָס האָט ער זיך צו בייזערן? ער האָט אַלזאָ באַשלאָסן איינצוהאַלטן דעם כעס, און אויפנעמען דעם משמש בסבר פנים יפות.

אַזוי האָט דער לובלינער טאַקע געטוהן. ווען דער משמש איז ענדליך אָנגעקומען, האָט דער רבי פון לובלין איינגעהאַלטן זיין כעס מיט איבערנאַטורליכע כוחות, און ער האָט איהם אויפגענומען גאָר שיין, בסבר פנים יפות. ווען ער האָט זיך דערמאַנט אין דער דאָזיגער מעשה, איז ער אַריינגעקומען צו תקיעת שופר.

**כאָטש מיר האָבן נישט אַפילו די מינדעסטע השגה אין דער גרויסקייט און הייליגקייט פון רבי'ן פון לובלין זי"ע, איז דאָס אַ לימוד פאַר אונז, אַז די עיקר גדלות פון אַ מענטש איז ווען ער האַלט זיך צוריק פון אַ כעס...**

און אָט איז אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס עס האָט דערציילט אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה, אַז עטליכע יאָר פלאָגט ער זיך שוין זייער שטאַרק מיט פרנסה, און בלית ברירה האָט ער געמוזט באָרגן געלט פון מענטשן, ביז ער איז פאַרזינקען געוואָרן 'ראשו ורובו' אין דעם 'עולם הגלגולים'... טאָג-טעגליך, באַלד נאָכ'ן אויפשטיין אינדערפרי, נאָכ'ן זאָגן 'מודה אני' און זיך וואַשן די הענט, פלעגט ער טעלעפאָנירן צו די באַנק, כדי אויסצוגעפינען וויפיל געלט מ'דאַרף דעקן דעם היינטיגן טאָג... זיין מצב איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט שטיין לאַנגע שעה'ן אין דער באַנק נעבן דעם 'עי טי עם' מאַשין צו "כאַפּן" מענטשן וואָס נעמען אַרויס געלט פון דער מאַשין, און בעטן פון זיי אַ הלוואה, כאָטש אויף איין טאָג... ס'איז 'לא יאומן כי יסופר' דאָס גרויסע דחקות וואָס ער האָט געליטן, און ס'איז ליידער מקוים געוואָרן ביי איהם 'בהידור', די ווערטער פון חז"ל וועגן אַן אָרימאַן, אַז זיין לעבן איז קיין לעבן נישט...

געלט פאַר דעם אָרימאַן, ווי די גמרא זאָגט (סוכה מט:) אַז מיט דריי זאַכן איז גמילות חסדים גרעסער ווי צדקה. ביי צדקה, גיט מען געלט, אָבער גמילות חסדים, טוט מען סיי מיט'ן גוף, סיי מיט'ן געלט. צדקה איז נאָר פאַר אָרימעלייט, אָבער גמילות חסדים, טוט מען סיי פאַר די אָרימעלייט, און סיי פאַר די רייכע לייט. צדקה איז נאָר פאַר די לעבעדיגע, און גמילות חסד, איז סיי פאַר די לעבעדיגע, און סיי פאַר די טויטע".

---

עטליכע טעג פאַר יום כיפור תשפ"א, האָט דער יונגערמאַן געהערט וועגן די סגולה צו מאַכן 'פתיחת הארון' ביי נעילה, אַז עס עפנט אַלע פאַרמאַכטע טויערן, און האָט באַקומען גרויס השתוקקות מקיים צו זיין די דאָזיגע מצוה פון פתיחת הארון. די 'מצוה' קאָסט אָבער זייער טייער אין רוב בתי מדרשים, און נאָר די רייכערע אידן קענען זיך דאָס ערלויבן... איינער ווי ער, קען קיינמאָל נישט צוקומען דערצו... ער האָט אָבער געהערט אַז אין אַ געוויסע שול פאַרקויפט מען נישט דעם זכות פון פתיחת הארון, ווייל ס'זענען דאָרטן דאָ ווייניג מתפללים, און קיינער 'זוכט' נישט די דאָזיגע סגולה. אדרבה, אָפט מאָל גיט מען עס אַוועק אַפילו פאַר יונגע קינדער. איז ער תיכף ומיד אַריבערגעגאַנגען צום הויפט 'גבאי' פון יענע שול, און איהם געבעטן ער זאָל איהם געבן 'פתיחת הארון'. דער גבאי פון דער שול, האָט גערן איהם אַוועקגעשאָנקען דעם זכות, און ער האָט 'געקויפט' אַ זיץ אין יענע שול אויף יום כיפור.

ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון תפילת נעילה, איז ער געווען גרייט צוצוגיין צו 'פתיחת הארון'. ער איז געווען פול מיט איבעראַשונג, אַז אָט-אָט וועט זיין מזל זיך טוישן צום גוטן, און ער וועט אַרויפקומען 'מבירא עמיקתא לאיגרא רמא'... צו זיין אַנטוישונג, האָט ער אָבער באַמערקט אַז איינע פון די מתפללים איז צוגעגאַנגען צום 'גבאי שני', און געבעטן ער זאָל איהם צולאָזן צו 'פתיחת הארון'. דער צווייטער גבאי האָט איינגעשטימט, און איז צוגעגאַנגען צום הויפט גבאי, וועלכער האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז ליידער, האָט ער עס שוין אַוועקגעגעבן פאַר דעם אַנדערן... יענער האָט אָבער געפאָדערט פתיחה פאַר זיך, מיט דער טענה, אַז ער איז דאָ אַ מתפלל קבוע, און דער צווייטער (אונזער יונגערמאַן) איז נאָר אַ גאַסט... אַלזאָ, ס'איז איהם געוואָרן 'פינצטער אין די אויגן', ווייל ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף פתיחת הארון, און ער איז פאַר דעם צוועק אַפילו געגאַנגען דאַווענען אַהין, כאָטש ער איז נישט געוואוינט צו יענע שול, און בעיקר, ווייל מ'האָט דאָך איהם צוגעזאָגט... ער האָט זיך אָבער דערמאַנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט, **אַז פון אַ וותרנות קען מען נישט שאָדן האָבן... האָט ער באַלד מודיע געווען, אַז ער איז מוותר אויף זיין זכות, אַבי ס'זאָל נישט זיין מחלוקת ביי אידן.**

דער יונגערמאַן האָט אויסגעפירט: מיר האַלטן שוין ביים סוף פונעם יאָר, און דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט בחסדי השם, **אַלעס האָט אָנגעהויבן גיין 'מעלה מעלה'**. נישט נאָר ענדיג איך דעם חודש בכבוד, נאָר איך האָב שוין אַפילו באַוויזן אַריינצולייגן געלט אין פאַרשידענע גמילות חסדים קאַסעס...

פון די מעשה לערנען מיר, אַז איינער וואָס איז אַ רודף צדקה, וואָס אין דעם כלל איז אויך איינער וואָס איז מוותר פאַר אַ צווייטן, 'ימצא חיים צדקה וכבוד'. **און אויב פתיחת הארון ביי נעילה איז אַ גוטע סגולה, איז דאָך אַוודאי אַ וואונדערליכע 'סגולה' נישט צו מאַכן אַ 'פתיחה' פאַר אַ מחלוקת... ישמע חכם וילמד לקח, יעדער איינער, אויף זיין אופן.**

**יז.** מיר האָבן געהערט אַ מעשה נורא פון איינע פון די צדיקי הדור שליט"א, אַז ער האָט געהערט פון הרה"ח ר' הערשל האָפערט, וואָס ער האָט געהערט די מעשה פונעם בעל העובדא אליינס. וכה היה מעשה: אין דער ביטערער תקופה פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען דייטשע אַרמיי עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט די שטאָט לאָנדאָן, זענען פילע טויזנטער מענטשן אַנטלאָפן פון דער בריטישער הויפטשטאָט, צו דער דרום-זייט פון ענגלאַנד. אויך דער שאָצער רבי, הרה"ק רבי שלום מאָסקאָוויטש זי"ע, איז אַנטלאָפן פון לאָנדאָן, און איז אָנגעקומען אין געיטסהעד.

דער שאָצער רבי האָט זיך געפירט צו האָבן שטענדיג געסט סמוכים על שולחנו. אין יענע שווערע מלחמה צייטן האָט געהערשט אַ מאַנגל אין עסן. מ'האָט געקענט באַקומען פיש און פלייש נאָר מיט ספעציעלע 'וואַוטשערס', און אויך דאַן, האָט מען געטיילט נאָר קליינע פּאָרציעס. מעהל, צוויבל און קאַרטאָפל איז יאָ געווען בריווח, און דאָס איז געווען דער הויפט-מאכל פון די פליטים אין יענע שווערע צייטן. במשך פון דער וואָך, פלעגט מען איינטינקען ברויט אין קאַרטאָפל-זופּ, און נאָר אויף שבת האָט מען געקאָכט לכבוד סעודת שבת קודש, וואַסער

מיט אַביסל פלייש דערין, וואָס מ'האָט עס אָנגערופן 'זופּ'. אויף דער סעודה פון שבת בייטאָג, פלעגט מען אַריינלייגן אַביסל פלייש אין די קאַרטאָפל, וואָס מ'האָט אָנגערופן 'טשאָלענט'...

ראש השנה תש"ה, איז געווען מאָנטאָג און דינסטאָג, און לכבוד דעם לעצטן שבת פון יאָר תש"ד, האָט דער איינציגער 'בעקער' אין געיטסהעד, געבאַקן חלות אַזוי ווי געוועינליך, אָבער לכבוד יום טוב, ראש השנה, האָט ער ערשט געבאַקן חלות מוצאי שבת, ביז 4 אַזייגער פאַרטאָגס, און דערנאָך איז ער געגאַנגען זאָגן די סליחות 'זכור ברית'. אין לויף פונעם טאָג, ערב ראש השנה, האָט דער בעקער געפאַסט, אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט צו פאַסטן יעדעס יאָר ערב ראש השנה, און צוליב דעם, האָט ער במשך'ן טאָג נישט געבאַקן חלות, אַזוי אַז ס'איז נישט געווען גענוג חלות פאַר אַלע אידן אין שטאָט, אויף ביידע טעג ראש השנה.

די ערשטע נאַכט ראש השנה נאָך די סעודה, האָט דער משמש געלאָזט וויסן פאַר'ן שאָצער רבי'ן, אַז אויף דער סעודה פון ערשטן טאָג ראש השנה, איז נאָך דאָ אַ 'כזית' חלה פאַר אַלע אָנוועזנדע ביי זיין טיש, וואָס איז באַשטאַנען פון בערך 30 נפשות בלע"ה, אָבער אויף דער צווייטער נאַכט יום טוב - שוין אָפּגערעדט פון דעם צווייטן טאָג ראש השנה - איז נישט דאָ אַפילו איין כזית צו עסן לכבוד יום טוב. דאָס אַלעס דערפאַר ווייל דער בעקער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויפ'ן זאָגן די סליחות פון 'זכור ברית', און נאָך געהויבענע ענינים וואָס ער האָט זיך געפירט צו טוהן יעדעס יאָר ערב ראש השנה. (אַנדערע יאָרן, פלעגט ער באַקן די חלות פאַר ערב ראש השנה, אָבער וויבאַלד יענער יאָר תש"ה, איז דאָך שבת געווען דער טאָג פאַר ערב ראש השנה, האָט ער נישט געבאַקן גענוג חלות לכבוד יום טוב).

צומאָרגנס, דעם ערשטן טאָג ראש השנה אינדערפרי, איז דער שאָצער רבי אויפגעשטאַנען 4 אַזייגער פאַרטאָגס, און געגאַנגען זיך טובל'ען אין מקוה. אויפ'ן וועג, איז איהם אַנטקעגן געקומען דער בעקער. האָט דער שאָצער רבי איהם געזאָגט:

- **אָט בין איך אויפ'ן וועג צו דיר אַהיים** (נאָכ'ן זיך טובל'ען אין מקוה)**, ווייל איך וויל דיר זאָגן: יעצט איז פיר אַזייגער פאַרטאָגס. ביי אונזער מנין, וועט מען בלאָזן שופר אי"ה 12 אַזייגער, אַזוי אַז דו האָסט נאָך אַכט שעה צייט ביז די תקיעות... גיי, אַלזאָ, צו דער בעקעריי, און זעה אָפּצובאַקן גענוג חלות פאַר אַלע אידן אין שטאָט, ווייל דו ביזט פּטור פון זאָגן תהלים, און תפילת שחרית קענסטו דאַווענען ווען די חלות באַקן זיך. דו זאָלסט קומען אין בית המדרש אַריין צו תקיעת שופר, און אויב דו וועסט אָנקומען אין שול נאָך 12 אַזייגער, וועל איך וואַרטן אויף דיר מיט די תקיעות...**

האָט דער בעקער, אַ דערציטערטער, געזאָגט צום שאָצער רבי'ן:

- היינט איז דער יום הדין, 'היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים'. איך בין אויפגעשטאַנען פרי כדי אויסצוזאָגן גאַנץ תהלים פאַר'ן דאַווענען. ווי אַזוי קען איך יעצט גיין אין דער בעקעריי, און זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע 'גשמיות'דיגע' ענינים?!...

האָט דער שאָצער רב געזאָגט צו דעם בעקער:

- **זאָרגט נישט, איך וועל זאָגן תהלים אנשטאט דיר...**

האָט דער בעקער ווייטער גע'טענה'ט: 'אָבער וואָס וועל איך טוהן מיט'ן זאָגן 'לא-ל עורך דין', און די אַנדערע פּיוטים?...'. האָט דער שאָצער רב איהם געזאָגט, אַז אויך די פּיוטים, וועט ער זאָגן אנשטאט איהם... האָט דער בעקער געפרעגט דעם שאָצער רב, אויב אין הימל וועט ער זיך אויך וועלן בייטן מיט איהם, אַז עס זאָל דאָרט גערעכנט ווערן גלייך ווי ער (דער בעקער) איז געשטאַנען אין שול און געדאַוונט אַ גאַנצן טאָג ראש השנה, דער 'יום הדין הגדול והנורא', און דער רבי איז געשטאַנען און געבאַקן חלות... האָט דער שאָצער רב איהם געענטפערט:

- **אַוודאי בין איך מסכים דערצו. אָבער אויב דו ביזט אויך מסכים דערצו, זעה איך אַז דו ביזט בכלל נישט קיין 'סוחר'...**

מיט זיין הייליגן מח, האָט דער שאָצער רב פאַרשטאַנען אַז ס'איז נישט פאַרהאַן אַ גרעסערער זכות אין ראש השנה, ווי צו באַקן חלות פאַר אידן, און זאָרגן אַז אידישע קינדער זאָלן האָבן וואָס צו עסן. (אַוודאי דאַרף יעדער איינער פון אונז זיך משתדל זיין אויסצושטעלן זיין סדר היום צו קענען זיך געפינען אין די הייליגע טעג אין שול און מתפלל זיין ערליך צו דעם אויבערשטען, אָבער וויבאַלד דער בעקער האָט נישט געזעהן דערצו אַז עס זאָלן זיין גענוג חלות פאַר אידן אין יום טוב, איז ער אַוודאי געווען מחויב צו באַקן חלות פאַר זיי, אנשטאט דאַווענען ראש השנה אין שול).

**ועד אחרית שנה - דאָס חשיבות פון לעצטן טאָג פונעם יאָר**

**ערב** ראש השנה, דער לעצטער טאָג פונעם יאָר איז גאָר טייער און חשוב. צדיקים האָבן געזאָגט (געברענגט אין ספר 'ליקוטי הרי"ם', ערב ר"ה), אויף די ווערטער פון די גמרא (ר"ה ב:) 'יום אחד בשנה חשוב שנה'. דער דאָזיגער דין איז געזאָגט געוואָרן לגבי ציילן די יאָרן צו דערמאנען די נעמען פון די קעניגן אין די שטרות וואָס מ'שרייבט. דאָס הייסט, אויב איינער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קעניג, אַפילו אין לעצטן טאג פון יאָר, הייבט זיך אָן דער צווייטער טאָג פונעם מאָרגנדיגן טאָג.

**דאָס** זעלבע לגבי באַשטימען דעם אויבערשטען - מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא - אַלס אַ קעניג אויף זיך, איז דער וואָס איז מקבל עול מלכות שמים אויף זיך אין דעם טאָג, ווערט איהם גערעכנט ווי דאָס גאַנצע יאָר איז אויף איהם אַריבער מיט אַ קבלת עול מלכות שמים[יח].

**אויך** אין די לעצטע מינוטן פונעם יאָר[יט], קען מען זיך אָפרייסן פונעם יצר הרע, אַפילו אין איין רגע, אַזוי ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הל' תשובה פ"ב, ה"ב) 'ומה הוא התשובה, הוא שיעזוב החוטא חטאו ויסורו

---

## מן הבאר

עס ווערט געברענגט אין קונטרס 'מועדי רגל', ביים סוף פון ספר 'נפש יוסף' (ג:), אַז ער האָט געזעהן געשריבן פון דעם מקובל האלוקי, החסיד כמוהר"ד שרירו זצוק"ל (און עס ווערט אויך אַראָפּגעברענגט אין ספר 'מועד לכל חי', פון הגאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל), אַז **ערב ראש השנה זאָל מען לייענען פרשת כי תבא, פון אָנהייב פרשה ביז 'והגר אשר בקרבך'** (פון פסוק א', ביז פסוק י"א). און **אויף יעדער וואָס לייענט עס, טוט דער אויבערשטער אַרויסגעבן אַ 'כרוז' און ער רופט אויס, "איך האָב איינגעמאָנט פון דעם מענטש אַלע חובות, און איך בין מוחל אַלע זיינע עבירות"**. און מ'זאָל ענדיגן לייענען די פסוקים כל זמן ס'איז נאך לעכטיג אינדרויסן. ס'איז באַקאַנט אַז עס זענען דאָ זיבן הימלען, און **דער אויבערשטער נעמט די נשמה פון דעם מענטש ממש, און ער איז עס מקריב, און ער זאָגט, 'ער איז טהור, און איך האָב איינגעמאָנט אַלע זיינע חובות, דאָפּלט ווי זיינע חטאים'**. (ס'איז כדי נאכצוקוקן דאָרט, וואו ער ברענגט אַ תפילה וואָס מ'זאָל זאָגן נאָך דעם ווי מ'טוט די דאָזיגע סגולה, און אַז דערנאָך וועט דער אויבערשטער זאָגן צו זיין נשמה, 'ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלוקיך'.)

---

**יח.** לויט ווי עס ווערט דאָרט געברענגט, האָט דער 'חידושי הרי"ם' דאָס געזאָגט צו אַ חסיד ערב ראש השנה פאַרנאַכטס, צולייגנדיג: חז"ל זאָגן (פסחים ד.) 'מקצת היום ככולו'. ממילא קומט אויס, אַז **אפילו אויב מ'נעמט אויף זיך דעם עול מלכות שמים ביים סוף פון לעצטן טאָג פונעם יאָר, ווערט עס אויך גערעכנט ווי מען האָט געהאַט אַ גאַנץ יאָר אויף זיך דעם עול מלכות שמים.**

**יט.** אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע, אויף די ברכה אין 'שמונה עשרה' וואָס מיר בעטן ביי מנחה ערב ראש השנה, 'ברך עלינו ה' אלוקינו את השנה הזאת', כאָטש מ'האַלט שוין דעמאָלס אין די לעצטע מינוטן פון יאָר, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז **'ישועת ה' כהרף עין', און אין אַ רגע כמימרא, קען למפרע זיך אַרויסשטעלן, אַז דער גאַנצער פאַרלאָפענער יאָר איז געווען לטובה.**

דער אמת איז אָבער, אַז 'קושיא מעיקרא ליתא'. ס'איז בכלל נישט קיין קשיא, ווי איינער פון די גדולי ירושלים פלעגט דערציילן, אַז ס'איז געווען אַמאָל אַ איד וואָס ס'איז איהם אַלע זיינע יאָרן שווער געווען, פאַרוואָס דאַרף מען מתפלל זיין ערב ראש השנה, ווען דאָס יאָר האָט זיך שוין כמעט געענדיגט, אַז דער אויבערשטער זאָל בענטשן דאָס יאָר - **'את השנה הזאת'**, ביז איין יאָר, ערב ראש השנה פאַרנאַכטס, נאָכ'ן דאַווענען מנחה, האָט מען איהם געמאָלדן פון אויסלאַנד, וואו ער האָט גרויסע געשעפטן אין אַמעריקע, אַז אַלע זיינע געשעפטן זענען געגאַנגען צוגרונד ל"ע. דאַן האָט ער גוט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דעם וואָס מיר בעטן אויך אין די געציילטע שעה'ן און מינוטן פונעם יאָר, אַז עס זאָל נישט פאַרקומען דעמאָלס אַ מכשול ח"ו, און אַלעס זאָל צוגיין כשורה.

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, אַז וועגן דעם בעט מען 'ברך עלינו **את השנה הזאת**', כדי צו ווייזן אַז אָן דער הילף פונעם באַשעפער, זענען מיר

ממחשבתו, ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד'. וואָס מיינט תשובה? תשובה מיינט, דער וואָס האָט געטוהן אַן עבירה, זאָל עס אָפּלאָזן און אָפּטוהן, און ער זאָל אָננעמען ביי זיך אין הארץ אַז ער וועט מער נישט זינדיגן מיט דעם חטא.

**דער** 'טור' (או"ח, הל' ר"ה, סי' תקפא) שרייבט, אַז אין די מדינות פון אשכנז, פירן זיך אַלע אידן צו פאַסטן ערב ראש השנה[כ].

**דער** גאון בעל 'נודע ביהודה' זצ"ל זאָגט, אין זיין ספר 'דרושי הצל"ח' (דרוש א, אות ו-ח) אויפ'ן פסוק (דברים כג, יב) 'והיה לפנות ערב ירחץ במים, וכבוא השמש יבוא אל תוך המחנה'. דער מענטש וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין דער נעץ פונעם יצר, און איז חלילה נכשל געוואָרן צו זעהן וואָס מ'טאָר נישט זעהן רח"ל, ווערט ער גערעכנט אַזוי ווי אַ בלינדער מענטש רח"ל. דאָס זעלבע איינער וואָס הערט ווערטער וואָס מ'טאָר נישט הערן, איז ער אַזוי ווי איינער וואָס איז טויב רח"ל.

**ווי** אַזוי קען אַזאַ איינער זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען? דער פסוק זאָגט דאָך (ויקרא כא, יח) 'כי כל איש אשר בו מום לא יקרב, איש עור או פסח', און איינער וואָס האָט געזינדיגט, איז דאָך אַ בעל מום.

**ברענגט** דער צל"ח, די ווערטער פונעם 'כלבו' [און אַזוי זאָגט אויך דער זוהר הקדוש, (ח"ג, ערה.)] אַז אין יום הדין, ווען דער שטן וויל מקטרג זיין חלילה אויף אידישע קינדער, זאָגט איהם דער אויבערשטער, ער זאָל ברענגען באַגלייבטע עדות וואָס זאָלן עדות זאָגן פאַר זיין קיטרוג. גייט דער שטן צו די זון און צו די לבנה, און ער בעט זיי, צו קומען זאָגן עדות פאַר'ן

---

נישט בכוח צו טוהן אויף דער וועלט אַפילו אַ ריר מיט'ן פינגער, און מיר נויטיגן זיך יעדע רגע אין סייעתא דשמיא, און צו אַ 'ברכת השנים'.

הרה"ק רבי שלום שכנא זי"ע פון פראָהבישט (פאָטער פון הייליגן רוזינער זי"ע) האָט אַמאָל ביי תפילת מנחה ערב ראש השנה [וואָס ס'איז באַקאַנט פון די מקובלים ("בן איש חי", פ' נצבים) שרייבן אַז **מ'דאַרף גאָר שטאַרק מכוון זיין ביים תפילת מנחה ערב ראש השנה, וואָס איז די לעצטע תפילה פון פאַרלאָפענעם יאָר, און דורך די תפילה, קען מען מעלה זיין אַלע תפילות וואָס מ'האָט נישט געהעריג געדאַוונט במשך פונעם יאָר**] אין בית המדרש פון זיין עלטער-שווער, הרה"ק רבי נחום טשערנאָבילער זי"ע, געשפירט אַ בחינה פון "קטנות המוחין", און ער האָט נישט געקענט מכוון זיין ביים דאַווענען. ער איז אָבער נישט געפאַלן ביי זיך, און ער האָט זיך מיט אַלע כוחות אָנגעשטרענגט צו זאָגן "פירוש המילות" כפשוטן. נאָכ'ן דאַווענען, האָט דער זיידע, הרה"ק בעל "מאור עינים" זי"ע, איהם געזאָגט:

- **זאָג מיר נאָר, וועלכע כוונות האָסטו אין זינען געהאַט היינט ביי מנחה? טויזנטער, טויזנטער נשמות האָבן דאָך געהאַט אַ תיקון דורך דיין תפילה...**

**כ.** אין מדרש רבי תנחומא ווערט געברענגט אַ משל: אַ לאַנד איז שולדיג געווען שטייערן פאַר דעם קעניג, וואָס זיי האָבן נישט באַצאָלט. איז דער קעניג געקומען מיט אַ גרויסע אַרמיי כדי איינצומאָנען די שטייערן פון די מענטשן אין יענעם לאַנד. ווען ער האט אנגעהויבן קומען נאָענט, זענען די וויכטיגע מיניסטאָרן פונעם לאַנד אַנטקעגן געקומען דעם קעניג, און איהם געזאָגט: 'אדוני המלך, מיר האָבן נישט וואָס דיר צו געבן', האָט ער זיי מוחל געווען אויף אַ דריטל פונעם געלט.

ווען ער איז אָנגעקומען נענטער צו יענעם לאַנד, זענען די מיטלמעסיגע מענטשן פון שטאָט אַנטקעגן געקומען דעם קעניג כדי איהם איבערצובעטן, און ער האָט פאַר זיי מוותר געווען אויפ'ן צווייטן דריטל. ווען ער איז אָנגעקומען גאָר נאָענט, זענען אַלע מענטשן פון די שטאָט איהם אַנטקעגן געגאַנגען, און ער האָט זיי מוותר געווען דעם גאַנצן חוב פון די שטייערן.

דאָס זעלבע, דער גרויסער קעניג איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און די מענטשן פון לאַנד, זענען די מענטשן וואָס זינדיגן נעבעך במשך פונעם יאָר. ערב ראש השנה, פאַסטן די גרויסע לייט, און דער אויבערשטער איז מוותר פאַר זיי אויף אַ דריטל פון די חטאים. אין די עשרת ימי תשובה, פאַסטן די בינונים, און דער אויבערשטער איז פאַר זיי מוותר צוויי דריטל פונעם חוב. יום כיפור, פאַסטן שוין אַלע אידן, און דער אויבערשטער איז דעמאָלס מוחל אַלע זייערע חטאים.

קומט אויס, אַז ערב ראש השנה, איז אַ חלק פון די כפרה פון אידישע קינדער.

בית דין של מעלה איבער דער ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער. די זון הערט זיינע ווערטער, און זי קומט עדות זאָגן פאַר'ן בית דין של מעלה, אָבער די לבנה וויל נישט רעדן שלעכטס אויף אידישע קינדער, דעריבער באַהאַלט זי זיך יענעם טאָג, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים פא, ד) 'בכסה ליום חגינו'. אַזוי אַרום, בלייבט די זון איינער אַליין, אַלס אַן עד, און מיר ווייסן דאָך אז אַ 'עד אחד' איז דאָך פסול לעדות, עכ"ד הכלבו.

**איז** דער צל"ח מוסיף אויף די ווערטער פונעם 'כלבו', די גמרא זאָגט (קידושין סו:) אַז כאָטש איין עד איז נישט באַגלייבט, איז דאָס אָבער נאָר ביי אַנדערע עדות'שאַפטן, אָבער ווען אַ מום, אַ פעלער אינעם אייגענעם גוף, איז ער יאָ באַגלייבט, צו זאָגן אַז ער האָט אַזאַ פעלער. און לויט ווי דערמאָנט פריער אַז דורכ'ן חטא ווערט דער מענטש ווי אַ בלינדער אָדער טויבער מענטש ח"ו, קען דאָך דער שטן יאָ מקטרג זיין ח"ו מיט די זון אַלס 'עד אחד'. איז די עצה דערצו, 'והיה לפנות ערב' - ווען דאָס יאָר האַלט ביים אַוועקגיין און עס פאַנגט זיך אָן אַ ניי יאָר. 'ירחץ במים' - זאָל דער מענטש זיך גוט אויסוואַשן און אָפּוואַשן זיין נשמה מיט טרערן, און אַזוי וועט ער אויסרייניגן זיין נפש רוח ונשמה פון יעדן פגם, און ממילא, וועלן זיך אָפּטוהן אַלע מומין פון זיין גוף. 'וכבוא השמש' - און ווען די זון וועט קומען עדות זאָגן אויף די ווערטער פונעם שטן רח"ל קעגן אידישע קינדער, וועט מען נישט אָננעמען איר הגדת עדות, ווייל זי איז דאָך נאָר אַן 'עד אחד'. 'יבוא אל תוך המחנה' - אידישע קינדער וועלן זוכה זיין אַריינצוקומען אין מחנה שכינה, און זיי וועלן אַרויסגיין זכאי בדין אין ראש השנה, אמן.

# ראש השנה

**יגילו במלכם - ראש השנה איז גאָר אַ פרייליכע טאָג**

'ישמחו השמים ותגל הארץ, ירעם הים ומלואו, יעלוז שדי וכל אשר בו וגו', לפני ה' כי בא כי בא לשפוט הארץ' (תהלים צו, יא-יג).

**פון** דעם דאָזיגן פסוק, ברענגט דער 'מאירי' (חיבור התשובה, מאמר ב, פ"ז) אַ ראיה אַז ס'איז אַ מצוה צו זיין בשמחה אין ראש השנה, ווען דער אויבערשטער קומט משפט'ן די גאַנצע וועלט, און מיר זענען זוכה מקבל פנים צו זיין דעם אויבערשטען כביכול[כא].

**אַזוי** שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('דרשות חתם סופר', ז"ך אלול תק"ע): **כאָטש ראש השנה איז** אַ פאַרכטיגער טאָג, ווען דער אויבערשטער קומט משפט'ן אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט, פונדעסטוועגן, איז עס אָבער נישט אַ טרויעריגער טאָג. אדרבה, דווקא

**כא.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי ימ"ש האָט אַרויסגעשיקט אַ מעלדונג צו אַלע שטעט און דערפער אין רוסלאַנד, אַז דער קייסער גרייט זיך צו קומען אַ געוויסן טאָג, באַזוכן איבער'ן גאַנצן לאַנד, און יעדער איינער זאָל זיין גרייט יענעם טאָג.

דער ערשטער 'קבלת פנים' פאַר'ן צאַר ניקאָלאַי איז פאָרגעקומען אין דער קייסערליכער הויפטשטאָט פעטערבורג. דאָרט איז די אויפנאַמע פאַר'ן קייסער געווען מיט'ן פולסטן כבוד און ערע. דערנאָך האָט מען איינגעאָרדענט אַן אויפנאַמע אין מאָסקווע, אויך אויף אַ בכבוד'יגן אופן, אָבער שוין ווייניגער ווי אין פעטערבורג. אַזוי אין יעדע שטאָט האָבן די איינוואוינער אויפגענומען דעם צאַר ניקאָלאַי, לויט זייער מעמד און מצב.

אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל, האָבן די אָרטיגע פויערישע איינוואוינער געהאַט אַ מאָדנעם מנהג מיט זייערע שוואַכע השגות, אַז יעדער גאַסט וואָס איז אָנגעקומען אין שטעטל, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אייגנאַרטיגן 'קבלת פנים', ווען מ'האָט איהם באַוואָרפן מיט שטיינער... אַזוי אַז ווען דער 'פּריץ' פונעם שטעטל האָט באַקומען

די מעלדונג פונעם קייסערליכן פּאַלאַץ אַז דער צאַר ניקאָלאַי גרייט זיך צו קומען באַזוכן אינעם שטעטל, איז ער געווען ווי פאַרלוירן פון פחד. ער האָט שנעל צוזאַמגערופן אַלע פויערן פון שטעטל פאַר אַ וויכטיגע פאַרזאַמלונג, וואו ער האָט זיי ערקלערט אַז דער קייסער גרייט זיך צו קומען באַזוכן אינעם שטעטל, און ער האָט אַרומגערעדט באריכות איבער דעם גרויסן זכות וואָס זיי וועלן האָבן אויפצונעמען דעם קעניג. דערביי האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער פאַרלאַנגט גאָרנישט פון זיי צו טוהן עפּעס פאַר די אויפנאַמע פונעם צאַר - נישט צו ריינִיגן די גאַסן, און אויך נישט צו באַצירן די גאַסן מיט שיינע בלומען, **נאָר איין זאַך: וואַרפט נישט קיין שטיינער אויפ'ן קעניג און זיין קאַרעטע...**

דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט: יעדעס יאָר קומט די הייליגע שכינה אַראָפּ אויף דער וועלט אין ראש השנה. מיר דאַרפן אָנגרייטן אַ 'קבלת פנים' ווי עס פּאַסט פאַר דעם קעניג פון דער גאַנצער וועלט. די הייליגע אבות, וועלכע זענען געווען אַ 'מרכבה' פאַר די שכינה, פלעגן איר מקבל-פנים זיין מיט גרויס כבוד און פּראַכט, אַזוי ווי פעטערבורג אין פאַל פונעם צאַר (להבדיל אלף הבדלות). משה און אַהרן, און אויך די אַנדערע נביאים, האָבן אויך צוגעגרייט פאַר דעם אויבערשטען אַ 'קבלת פנים', כמעט אַזוי ווי די אבות, און אַזוי ווייטער אין יעדן דור - די תנאים, די אמוראים, גאונים און ראשונים, וואָס האָבן יעדעס יאָר צוגעגרייט אַ 'קבלת פנים' פאַר די הייליגע שכינה, ביז אונזער לעצטן דור. **וואָס פאָדערט מען פון אונז? 'וואַרפט נישט קיין שטיינער'!** 'אך בה' אל תמרודו', **יעדער איינער אויף זיין אופן.** (געברענגט אין 'לקט רשימות', פון הגאון רבי נתן מאיר וואַכטפאָגל זצ"ל, משגיח אין די לעיקוואודער ישיבה - אלול, ימים נוראים)

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט בדרך צחות, די וועלט פירט זיך אַז מ'עסט נישט ניסלעך אין ראש השנה, ווייל 'אגוז' מיט'ן 'כולל' איז בגימטריא באַטרעפט 'חטא' (18), ווי דער רמ"א שרייבט (או"ח סי' תקפג, ס"ב). האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, אַז אַזוי דאַרף מען אויך זיך היטן נישט צו זינדיגן ח"ו, ווייל אויך 'חטא' איז בגימטריא 'חטא'...

מיט אַ פרייליך האַרץ פון תשובה און אהבה און דביקות, און מיט אַ געוויין פון שמחה, וואָס איז מרומז אין פסוק 'ב'שמך י'גילון כ'ל ה'יום', ר"ת 'בכיה'. אָבער עצבות און צובראָכנקייט, 'לא יזכר ולא יפקד', עס געהערט צו די 'סיטרא דקליפא', און 'סיטרא דדינא', און מ'טאָר נישט מעורר זיין דינים ח"ו אין דעם טאָג, ע"כ.

**אַזוי** זאָגט דער נביא (נחמיה ח, י) וועגן ראש השנה: 'ואל תעצבו כי חדות ה' היא מעוזכם'[כב].

**אַ** שטאַרקע ראיה דערצו, ברענגט דער גאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאהן זצ"ל (שאלות ותשובות 'שואל ומשיב', מהדורה רביעאה, ח"ג, סי' קכה), אַז לכאורה איז דאָ אַ בפירוש'ע ראיה אַז ס'איז נישט שייך 'יומא קשיא' ביי ראש השנה, ווייל מיר מאַכן דאָך די ברכה 'שהחיינו' אויף דעם יום טוב, און 'שהחיינו' מאַכט מען נאָר אויף פרייליכע זאַכן [צוליב דעם מאַכט מען נישט אַ 'שהחיינו' אויף ספירת העומר, ווייל עס איז נישט אַ זאַך וואָס מ'האָט הנאה דערפון, נאָר עגמת נפש - ס'איז דאָך אַ זכר צום חורבן בית המקדש]. ממילא אויב מ'זאָל זאָגן אַז עס איז אַן ענין פון עגמת נפש און 'דינא קשיא', איז דאָך פשוט אַז עס איז נישט שייך צו מאַכן אַ 'שהחיינו'. מוז זיין אַז עס ווערט נישט גערופן 'דינא קשיא'. 'והוא רחום יכפר עון והיום קדוש'.

**און** נאָך מער, די הייליגע אמהות זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער אין דעם טאָג, און אַלע **טובות און הייליגע השפעות ווערן נשפע אין דעם טאָג.** ביז'ן היינטיגן טאָג, האַלט מען ראש השנה צוויי טעג, אויך אין ארץ ישראל. אויב ראש השנה וועט געווען אַ 'יומא קשיא', וואָלט מען זיכער נישט מתקן געווען צו האַלטן ראש השנה צוויי טעג בלויז דערפאַר ווייל 'מנהג אבותינו בידינו'.

**קען** דער מענטש פרעגן: 'לשמחה מה זו עושה'? וויאזוי קען מען זיין פרייליך אין דעם יום הדין? חז"ל זאָגן (ר"ה לב:) אַז די מלאכים האָבן געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, פאַרוואָס זאָגן אידן נישט הלל אין ראש השנה און יום כיפור? האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט: איז דען מעגליך, אַז דער קעניג זיצט אויפ'ן כסא הדין און ס'איז אָפען פאַר איהם די 'ספרי חיים' און 'ספרי מתים', זאָלן אידן זאָגן הלל? ע"כ. נו, מעג מען דען זיך פרייען אין ראש השנה?

**איז** דער תירוץ, ווי דער 'ספורנו' זאָגט אויף דעם פסוק (ויקרא כג, כד) 'זכרון תרועה'. 'זכרון תרועת מלך בו יגילו במלכם'. ס'איז אַ טאָג ווען מ'פרייט זיך מיט'ן קעניג[כג] און דאָס איז טאַקע דערפאַר ווייל ער זיצט דעמאָלט אויפ'ן כסא הדין. דעמאָלט דאַרף מען זיך מער פרייען, ווייל ער איז אונזער קעניג[כד], און כדי ער

**כב.** דער 'חתם סופר' זי"ע איז מוסיף (טור ג, ד"ה 'בהיות'), אַז צוליב דעם האָט חנה נישט געבעטן אויף קינדער ביז אלקנה האָט איר באַרואיגט מיט זיין ווייכע שפראַך, ווייל זי איז געווען פאַרטרויערט און געהאַט אַ צובראָכן האַרץ, און זי האָט געוואוסט אַז איר תפילה וועט נישט העלפן. אָבער נאָך דעם ווי זי האָט זיך באַרואיגט פון אלקנה, זאָגט דער פסוק 'ותקם ותתפלל' - זי האָט זיך אויפגעהויבן און מתפלל געווען צום באַשעפער.

**כג.** דער קאָזשניצער מגיד זי"ע זאָגט ('עבודת ישראל', פ' נצבים, ד"ה 'אתם'), אַ טעם פאַרוואָס מזאָגט נישט 'נפילת אפים' ערב ראש השנה, ווייל **אין די טעג האָט דער מענטש נישט וואָס זיך אַרומצודרייען מיט אַן 'אַראָפּגעלאָזטן' פנים.**

**מן הבאר**

דער קאָלושינער רבי, הרה"ק רבי מאיר שלום זי"ע, האָט "מי לא נפקד כהיום הזה" - ווער ווערט דען נישט געהאָלפן מיט אַלע סאָרטן ישועות אין דעם טאָג פון ראש השנה. ("נפקד" איז פון לשון געהאלפן, "וה' פקד את שרה")

**כד.** "בעל 'כנסת יחזקאל' מ'ראדאמסק זי"ע (אַ זון פון דעם 'חסד לאברהם' זי"ע, און אַן אייניקל פונעם בעל 'תפארת שלמה' זי"ע) שרייבט אז אַגאַנץ יאָר, איז דאָ אַ 'מחיצה' - אַ 'מסך המבדיל' - וואָס טיילט אָפּ צווישן אידן און זייער ליבן טאַטן אין הימל, אָבער אין ראש השנה, **איז נישט דאָ קיין שום הבדלה און חציצה צווישן אידן און דעם אויבערשטען.** אזוי גרויס איז די נאָנטקייט פון דעם אויבערשטען צו אידישע קינדער אין דעם טאָג.

זאָל איבערבייגן דעם משפט צו חסד, און אונז מזכה זיין ביים משפט[כה], אַזוי ווי דער נביא זאָגט (ישעיה

---

**כה.** אַ איד פון אַמעריקע (וועלכער זיצט היינט על התורה ועל העבודה אין ארץ ישראל), איז געבוירן געוואָרן ביי עלטערן וואָס זענען אין צייט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה געווען אין די נאַצישע אַרבעטס לאַגערן, און נאָך די מלחמה האָבן זיי ליידער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אויף אַ פולשטענדיגן אופן, דעם עול תורה ומצוות רח"ל. וויבאַלד זיי האָבן געשטאַמט פון פוילן, האָבן זיי גערעדט אין דער היים די אידישע שפּראַך, און אין דעם איז באַשטאַנען די גאַנצע אידישקייט וואס זייער זון האט פארמאגט.

ווען ער איז געוואָרן 20 יאָר אַלט, האָט ער זיך ליידער פאַרפּלאָנטערט אין האַנדל מיט 'דראָגס', מיט צוויי גוי'שע שותפים, און פינף יאָר שפּעטער, האָט מען איהם געכאַפּט אינמיטן האַנדלען. איינער פון זיינע גוי'אישע שותפים האָט באַוויזן צו אַנטלויפן פון לאַנד, און דער צווייטער איז געוואָרן אַן 'עד מדינה' אין אויסטויש פאַר אַ פאַרלייכטערטע שטראָף. אויף דעם אידישן בחור האָט געדראָאט אַ האַרבער אורטייל פון 25 יאָר טורמע רח"ל.

דער בחור האָט געדינגען אַ פּראָפעסיאָנעלן אַדוואָקאַט איהם צו פאַרטיידיגן אין געריכט, אָבער דער אַדוואָקאַט האָט איהם געזאָגט, אַז ווי עס זעהט אויס, וועט ער זיך ליידער נישט קענען אינגאַנצן אַרויסדרייען פון לאַנגע יאָרן טורמע. ענדערש זאָל ער פּרובירן צו פאַרמינערן אַביסל פון די צאָל יאָרן וואָס ער דאַרף שמאַכטן אין תפיסה. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער בחור איז געווען זייער דערשראָקן און צובראָכן ביי זיך.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט דער בחור באַגעגענט אין אַ רעסטאָראַן אַן עלטערן איד, און ווען יענער האָט באַמערקט אויף איהם אַז ער איז זייער צובראָכן, האָט ער געפרעגט דעם בחור וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהם אַז ער איז אַזוי צוטראָגן. דער בחור האָט איהם אָבער נישט געוואָלט ענטפערן, טראַכטנדיג ביי זיך, וואָס קען דער אַלטיטשקער מיר שוין העלפן... דער זקן האָט זיך אָבער שטאַרק איינגעבעטן ביי איהם ער זאָל איהם דערציילן וואָס עס דריקט איהם, צוגעבנדיג, אַז ער האָט איבערגעלעבט די צווייטע וועלט מלחמה, און שוין מיטגעמאַכט אַסאַך צרות אין לעבן. אפשר קען ער איהם פאָרט העלפן מיט עפּעס אַן עצה אָדער אַנדערע הילף. האָט דער בחור איהם דערציילט אַלעס וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט, און אַז ביי זיין משפּט, ערוואַרט איהם אַן אורטייל אויף לאַנגע יאָרן טורמע רח"ל.

האָט דער זקן איהם געזאָגט, לויט ווי עס זעהט מיר אויס, וועט דיין ישועה נישט קומען פון דעם 'לאָיער' וואָס דו האָסט געדינגען. קום אַלזאָ מיט מיר צו איינע פון די צדיקים, ער וועט דיר געבן אַ ברכה, און זיין ברכה וועט דיר אַוודאי העלפן... דער בחור האָט מסכים געווען, און דער זקן האָט איהם גענומען צו איינע פון די צדיקים וואָס האָט דעמאָלס געוואוינט אין ניו יאָרק, וועלכער האָט איהם געוואונטשן הצלחה און אַ ישועה.

אין טאָג פון דעם משפּט, האָט מען געוואַרט אין געריכט אויפ'ן 'לאָיער' פון דעם אָנגעקלאָגטן בחור, אָבער ער איז נישט אָנגעקומען. צום סוף, האָט ער טעלעפאָנירט צו לאָזן וויסן אַז ער האָט פאַרשפּעטיגט דעם עראָפּלאַן, און ער וועט שוין נישט אָנקומען באַצייטענס אין געריכט. ער וועט דעריבער שיקן זיינס אַ סטודענט-אַדוואָקאַט, איהם צו פאַרטרעטן אין געריכט אַלס דער פאַרטיידיגונגס אַדוואָקאַט פון דעם בחור.

אַלזאָ, צום סוף איז אָנגעקומען איינער וואָס מ'האָט קלאָר געזעהן אַז ער לערנט זיך ערשט יעצט דעם פאַך... ער האָט נישט אויפגעברענגט זאַכליכע אַרגומענטן צו פאַרטיידיגן דעם בחור. ער האָט גערעדט אַ גאַנצע שעה צייט, אָבער זיינע ווערטער האָבן ממש נישט געהאַט אַ טעם און אַ ריח... ווען ער האָט געענדיגט רעדן, האָט דער שופט אַרויסגעגעבן זיין אורטייל, אַז וויבאַלד עס זענען נישט פאַרהאַן קיינע באַווייזן אַז דער בחור האָט טאַקע געהאַנדלט מיט דראָגס, **איז די גאַנצע אָנקלאַגע בטל ומבוטל, און דער בחור איז אַרויס פריי...**

דער בחור האָט ממש נישט געקענט גלייבן זיינע אייגענע אויערן. אָט האָט דאָס רעדל זיך איבערגעדרייט פאַר איהם אויף איינמאָל, און ער איז אַרויס 'מאפילה לאור גדול'. איז ער צוגעגאַנגען צו דעם סטודענט-אַדוואָקאַט, און איהם געפרעגט מיט נייגער, ווי אַזוי ער האָט באַוויזן צו איבערצייגן דעם ריכטער, און איהם איבערדרייען ממש 'מן הקצה אל הקצה'. האָט דער סטודענט איהם געענטפערט:

- **דער ריכטער איז נישט קיין אַנדערער ווי מיין זיידע...** און וויבאַלד עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אויפגעטראָטן אין געריכט צו פאַרטיידיגן עמיצן אין אַ פּראָצעס, האָט מיין זיידע דער שופט, מיך געוואָלט ערמוטיגן און אַריינגעבן אין מיר אַ געפיל פון זעלבסט-זיכערקייט אין מיינע פעאיגקייטן און מעגליכקייטן. צוליב דעם האָט ער דיך אינגאנצן באַפרייט פון אַ שטראָף...

לג, כב) 'כי ה' שופטינו ה' מחוקקינו, ה' מלכינו הוא יושיענו'[כו].

**אויף** אַן אַנדערן אופן, שרייבט דער 'שפת אמת' (ר"ה שנת תרמ"ח) "ישראל עם קדוש' זענען פול אין דעם טאָג מיט שמחה און חדוה, ווייל כאָטש עס איז אַ יום הדין, אָבער די אידן ווילן געזעהן ווערן פאַר'ן באַשעפער, ער זאָל זיי געדענקען צום גוטן. צוליב דעם זענען זיי פרייליך אין דעם טאָג.

**בזאת אני בוטח - מיר זענען פאַרזיכערט אַז דער בוכ"ע וועט אונז שענקען אַ זיס יאָר**

**דער** 'טור' שרייבט (או"ח סי' תקפ"א) אַז מ'טוט זיך אָפוואַשן און אָפשערן ערב ראש השנה. אנדערש ווי דער סדר העולם, אַז ווען אַ מענטש דאַרף שטיין פאַר אַ משפט, טוט ער זיך אָן שוואַרצע קליידער און ער לאָזט וואַקסן זיין באָרד, און ער שניידט נישט אָפּ זיינע נעגל, ווייל ער ווייסט נישט וואָס וועט זיין די גורל פון זיין משפט, אָבער ביי אידן איז פונקט פאַרקערט, זיי טוהען אָן ווייסע קליידער און שניידן זיך אָפּ די האָר און די נעגל, און זיי פרייען זיך אין ראש השנה, ווייל זיי ווייסן אַז דער אויבערשטער וועט פאַר זיי באַווייזן אַ נס אין ראש השנה. וועגן דעם פירט מען זיך אָפצושערן און אָפצובאָדן ערב ראש השנה, און צוגרייטן גרויסע סעודות לכבוד יום טוב.

**דער** 'טורי זהב' (סק"ה) גיט צו אַ טעם פאַרוואָס מ'שערט זיך און מ'וואַשט זיך אָפּ לכבוד יום טוב, צו ווייזן אַז מיר זענען פאַרזיכערט אין דעם אויבערשטען ברוך הוא אַז ער וועט אַרויסגעבן אויף אונז אַ גוטן אורטייל אין ראש השנה, ווייל דער בטחון זעלבסט איז גורם אַז מ'זאָל זוכה זיין ביים משפט[כז].

---

שפּעטער איז דער בחור צוריקגעגאַנגען צו דעם צדיק איהם צו באַדאַנקען פאַר די ישועה צו וועלכע ער האָט זוכה געווען אַדאַנק זיין ברכה, און דער צדיק האָט פאַרלאַנגט פון איהם ער זאָל אָנהייבן לייגן תפילין יעדן טאָג, אַלס הכרת הטוב און דאַנק צו דעם גרויסן באַשעפער, פאַר די וואונדערליכע ניסים וואָס ער האָט מיט איהם געטוהן. צוביסלעך האָט דער בחור פולשטענדיג תשובה געטוהן, און ווי דערמאנט אויבן, זיצט ער היינט על התורה ועל העבודה אין ארץ ישראל.

פון די מעשה קענען מיר זיך אַראָפּלערנען אַ 'קל וחומר': אויב אַ מענטש, אַ 'בשר ודם' (דער שופט) האָט זיך דערבאַרימט ביי דעם משפט אויף זיין אייניקל, **איז דאָך אַ 'קל וחומר', אַז דער גרויסער באַשעפער, אונזער ליבער טאַטע אין הימל, וועט זיך דערבאַרימען אויף אונז ווען מיר וועלן זיך שטעלן צו איהם פאַר'ן משפט, 'כרחם אב על בנים', אָבער מיר דאַרפן געדענקען אַז מיר זענען די קינדער פון דעם אויבערשטען...**

**כו.** דער סמ"ק מצוריך שרייבט (מצוה צ"א, הערה רעו), אַז מ'טוט אָן ווייסער בגדים אין ראש השנה, ווייל עס הערשט אַ גרויסע שמחה, און כדי מ'זאָל זיך נישט גרויס האַלטן ח"ו, טוט מען אָן ווייסע קליידער, כדי צו דערמאנען זיך פון דעם יום המיתה.

מ'קען אפשר ערקלערן די ווערטער פון דעם סמ"ק מצוריך על דרך משל, אַ קעניג האָט געוואָלט צוגרייטן און נאָמינירן זיין איינציגן זון אַלס קרוינפרינץ, וועלכער זאָל איבערנעמען פון איהם דעם כסא מלוכה. ער האָט באַפוילן צוזאַמענצורופן אַלע מיניסטאָרן און בכבוד'יגע מענטשן פון גאַנצן לאַנד, און ער האָט דאַן געהייסן אַרויסנעמען די הערליכע קרוין פון די קעניגליכע אוצרות, און עס איבערגעגעבן פאַר איינעם פון זיינע באַדינער, וואָס פלעגט שטענדיג רייניגן דעם פּאַלאַץ, אַז דער דאָזיגער משרת זאָל גאָר אַרויפלייגן די קרוין פון זיין בן-יחיד.

איז דאָך פאַרשטענדליך, אַז אַזאַ משרת קען פשוט 'אַראָפּ פון זינען' פון גרויס שמחה, אַז אַזאַ פּראָסטער באַדינער ווי ער, איז אויסדערוויילט געוואָרן פון אַלע מיניסטאָרן און אַדעל-לייט, אָנצוטוהן די קרוין אויפ'ן קאָפּ פונעם פרינץ. דאָס איז דאָך אַ כיבוד וואָס איז ממש העכער פון זיינע השגות...

אַזוי האָט דער אויבערשטער אונז אויסדערוויילט פון אַלע צענדליגער טויזנטער מלאכים, שרפים און 'חיות הקודש', וואָס שטייען און באַדינען איהם אין הימל, און ער בעט גאָר פון אונז אַז מיר זאָלן איהם קרוינען אַלס דער קעניג פון דער גאַנצער וועלט - 'כדי שתמליכוני עליכם'. צוליב דעם טוט מען אָן ווייסע קליידער, כדי צו דערמאנען דעם יום המיתה, און אַזוי וועט מען זיך 'באַרואיגן' זיך נישט צו האַלטן גרויס.

**כז.** מיר זאָגן אין די סליחות, 'חסות בצילך הנה באנו', אָט זענען מיר געקומען זיך איינהילן אין דיין שאָטן. זאָגן די ספרים אַ כוונה אין די ווערטער, ווייל די גמרא דערציילט (ב"מ פה:) אַז רבינו הקדוש (רבי) האָט געליטן

**דאס** איז די כוונה פון די ווערטער וואס מיר זאגן אין די סליחות ערב יום הקדוש, 'בידי אין מעש ועל זאת לבי יפחד, אבל עתה בזכרי מלכות שם המיוחד, ועל זאת אני בוטח באומרים ה' אחד', ווייל אין די יעצטיגע טעג דארף מען נאך מער האבן בטחון אין דעם באשעפער, 'אחד יחיד ומיוחד', אלוקינו שבשמים, וואס ער איז אונזער איינציגעסטע פארזיכערונג, ווי די וועלט זאגט, אז דערפאר איז דער אות ד' פון ווארט 'אחד' (אין דעם פסוק 'שמע ישראל') גרויס, אונז צו לערנען, אז יעדער איז האט אן ארט אריינצוקומען אין אמונה אין אחדות ה', און יעדער איינער וואס וויל זיך שיצן אונטער די פליגל פון די הייליגע שכינה, קען אריינקומען און דארט געפונען שוץ.

**דער** ר"מ מנרבונא, איינער פון די גרויסע ראשונים, זאגט (געברענגט אין 'ספר המאורות' אויף מסכת ראש השנה), א כוונה אין דעם מנהג צו עסן די 'סימנים' ראש השנה ביינאכט. ער ברענגט די ווערטער פון דעם הייליגן אמורא אביי (הוריות יב.) אז וויבאלד 'סימנא מילתא', זאל דער מענטש זיך געוואוינען צו נעמען אנהייב יאר 'קרא', און 'רוביא', 'כרתי', און 'סילקא', און 'תמרי'. שרייבט דער ר"מ מנרבונא, די וועלט פירט זיך טאקע צו נעמען די סימנים, און מ'זאגט אויף די 'קרא', די בקשה, 'יהי רצון מלפניך ה' אלוקינו ואלוקי אבותינו שיקראו לפניך זכויותינו', און אז דער שלעכטער גזר דין זאל צעריסן ווערן. 'רוביא' - 'שירבו זכויותינו'. ווען מ'נעמט די 'כרתי', זאגט מען 'שיכרתו שונאינו'. ביי 'סילקא', זאגט מען 'שיסתלקו עונינו'. ביי 'תמרי' (טייטל) זאגט מען 'יתמו שונאינו', און 'יתמו עוונינו'.

**פון** דעם קען יעדער איינער פארשטיין, אז אונזערע הייליגע חכמים ז"ל האבן מרמז געווען אז מען זאל נישט מורא האבן פון קיין 'סימנים', נאר מ'זאל האבן בטחון אין דעם באשעפער, וואס ער איז בכח איבערצודרייען די קללה צו א ברכה[כח], ווייל מ'זעהט דאך אז די אלע פירות האבן 'מאדנע' נעמען, וואס ווייזן מער אויף שלעכטס ח"ו ווי אויף גוטס, און פונדעסטוועגן עסט מען עס, אז דער מענטש זאל מתפלל זיין אז די שונאים זאלן פארשניטן ווערן[כט], 'קרע' איז דאך א 'לשון קשה', און מיר בעטן 'קרע רוע גזר דינינו'. 'רוביא' ווייזט אויף מחלוקת ('ריב ומדון'), און מיר דרייען עס איבער מיט אונזערע בקשה 'שירבו זכויותינו'.

---

שרעקליכע יסורים פאר משך פון דרייצן יאר, און די גמרא דערציילט דארט אז ער האט באקומען די יסורים צוליב א מעשה שהיה, און די יסורים האבן זיך אויך אפגעטוהן פון איהם צוליב א מעשה, ומעשה שהיה כך היה:

אין א געוויסן טאג האט רבי געזעהן ווי מ'פירט א קעלבל צום שעכט הויז. דאס קעלבל, וואס האט מורא געהאט פאר דעם שוחט, איז אנטלאפן און האט זיך באהאלטן אונטער רבי'ס מלבוש. האט רבי איהם אוועקגעשיקט פון זיך, און איהם געזאגט: 'גיי, פאר דעם צוועק ביזטו דאך באשאפן געווארן'. צוליב דעם איז ארויס א גזירה אין הימל אז רבי זאל דארפן ליידן אסאך ווייטאגן אין משך פון דרייצן יאר.

איז לכאורה שווער, ביז דעמאלס האט מען דאך אויך געשאכטן קעלבלעך. און נאך מער, צו ווער יעצט איינער זאגן, אז נאך די מעשה וואס האט פאסירט מיט רבי, טאר מען מער נישט שעכטן א קעלבל?

נאר די כוונה פון דעם איז, אז **ווען איינע פון דעם אויבערשטען'ס באשעפענישן קומט כאפן שוץ אונטער די פליגל פון א מענטש - אפי' אויב זי איז נישט גערעכט דערמיט, טאר מען איר נישט אוועקשיקן פון זיך.**

דאס זעלבע לדידן, פאר אונז, אין די יעצטיגע טעג בעטן מיר זיך צו דעם 'א-ל רחום וחנון', און מיר זאגן איהם, כאטש מיר האבן ליידער געזינדיגט, **אבער 'חסות בצילך הנה באנו', מיר קומען זיך שיצן אונטער דיין שאטן, אויב אזוי, ווי אזוי קענסטו אונז אוועקשיקן פון זיך?** דו האסט דאך אונז געלערנט אין דיין תורה אז מ'טאר נישט אוועקשיקן איינעם וואס קומט זיך שיצן אונטער דיינע פליגל, און אויב אזוי, דארפסטו רחמנות האבן אויף אונז, און משפיע זיין אויף אונז א לעבטיג יאר פול מיט הצלחה, אן שום פגע חלילה.

**כח.** אזוי שרייבט הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, אז הרה"ק רבי נח לעכוויטשער זי"ע פלעגט זאגן יעדן יאר ראש השנה, **'חדוה ה' הוא'** - עס איז גורם אסאך פרייד און נחת רוח פאר דעם אויבערשטען, ווען אידן גלייבן אין דעם חסד פון דעם אויבערשטען, אז **'היא מעוזכם'** - דער אויבערשטער איז זייער שטארקייט.

**כט.** עס איז באקאנט וואס דער של"ה הקדוש זי"ע שרייבט (געברענגט אין 'משנה ברורה', סי' תקפ"א, סק"ב) אז דער עיקר איז נתעורר צו ווערן דעמאלס צו תשובה, ווייל פון וואו ווייסט דען דער מענטש אז דורך דעם וואס ער וועט

דאָס זעלבע מיט 'כרתי', פאַרוואַנדלען מיר אין אַ בקשה אַז אונזערע שונאים זאָלן פאַרשניטן ווערן, און 'סילקא', אַז אונזערע שונאים זאָלן פאַרשווינדן, און אַזוי ווייטער. דעריבער, דאַרף דער מענטש זיך גוט איינ'חזר'ן אַז 'אין עוד מלבדו', און פון דעם אויבערשטען קומט בלויז גוטס!

**דער** גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט (הגהות 'חכמת שלמה', או"ח סי' תקפ"ג, ס"א) וועגן דעם מנהג צו עסן די 'סימנים' ראש השנה ביינאַכט, אַז די כוונה איז נישט מ'זאָל עסן די מאכלים דורך תפילה, ווייל 'אין מקום לתפילה בשעת אכילה' - ווען מ'עסט, איז נישט דער פלאַץ מתפלל צו זיין. נאָר דער עיקר טעם פאַרוואָס מיר עסן די 'סימנים' איז, כדי צו ווייזן אַז מיר גלייבן אין דעם אויבערשטען אַז ער וועט פאַר אונז פאַרשרייבן אַ גוט זיס יאָר.

**ער** ברענגט וואָס ער שרייבט אין זיינע דרושים (פרשת תבא, שנת תרי"ב), אַז אין ראש השנה דאַרף דער מענטש זיך פרייען און זאָגן אַז אַלעם וואָס דער אויבערשטער טוט איז צום גוטן, און אַזוי ווערט עס טאַקע איבערגעדרייט צום גוטן[ל], און צוליב דעם טעם

---

עסן 'כרתי' וועלן זיינע **פיינט** פאַרשניטן ווערן, עס איז דאָך מעגליך אויך פאַרקערט חלילה, אַז זיינע זכותים זאָלן פאַרשניטן ווערן ח"ו, און ס'איז פשוט, אַז די עצם אכילה איז נישט גורם צו פאַרשניידן און פאַרלענדן די שונאים, נאָר **די תפילה און בקשה וואָס קומט צוזאַמען מיט תשובה, פועל'ן מעורר רחמים צו זיין אין הימל אויפ'ן מענטש.**

**ל.** מיר האָבן שוין דערציילט, איינער האָט זיך אָפּגעגרעדט פאַר זיין רבי'ן איבער דעם 'וואַקלדיגן' שלום בית ביי איהם אין הויז, און צווישן אַנדערע האָט ער דערציילט פאַר'ן רבי'ן ווי ווייט עס איז שוין דערגאַנגען, אַז ראש השנה ביינאַכט, האָט זי איהם דערלאַנגט דעם 'ווײדל' פונעם פיש (אנשטאט דעם קאָפּ...). האָט דער רבי איהם געזאָגט: צי דען וועגן דעם, האָסטו געזאָגט 'יהי רצון שנהיה לזנב'?... ניין, **דער עיקר ווענדעט זיך דאָך אין דעם וואָס מ'זאָגט**, ממילא, וואָס איז דיר אַ חילוק אויב דיין ווייב האָט אַוועקגעשטעלט אַ ווײדל, און נישט אַ קאָפּ... און דער 'משנה ברורה' שרייבט שוין (סי' תקפ"ג, סק"ה) אַז **מ'דאַרף זיך זייער שטאַרק היטן נישט זיך צו בייזערן אין די יעצטיגע טעג**, אויסער דעם גרויסן איסור זיך צו בייזערן, נאָר אויך **כדי עס זאָל זיין אַ גוטער סימן פאַר'ן גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה.**

## מן הבאר

אַ יונגערמאַן האָט זיך אויסגערעדט פון האַרץ פאַר הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע, אַז ער האָט נישט באַוויזן צו קויפן אַ 'קאָפּ' פון אַ פיש (אָדער פון אַ בהמה) אויף ראש השנה, און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ יאָר מ'האָט איהם פאַרשריבן אין הימל... האָט הרה"ק רבי מאָטיל איהם געזאָגט: נעם דעם ווײדל פונעם פיש, און זאָג הויך אויפ'ן קול אַ תפילה צום אויבערשטען, יהי רצון עס זאָל זיין נעמען אַ 'סוף' און אַן עק צו אַלע אונזערע צרות...

די כוונה פון דעם איז, ווייל באמת איז יעדער מענטש בכח 'אויסצושטעלן' זיין מצב, יהיה מה שיהיה, צום גוטן, דורך דעם וואָס ער וועט גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט איהם טאַקע העלפן... ממילא, וואָס האָט ער צו וויינען און קלאָגן? ער קען דאָך שטענדיג געפינען אַ וועג אַרויס פון דעם פלאָנטער אין וועלכן ער געפינט זיך.

דער גאון רבי יהודא פתייה זצ"ל איז אַמאָל ראש השנה ביינאַכט געזעסן ביי דער סעודה, צו וועלכער עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן עטליכע געסט. ער איז געזעסן אָנגעטוהן אין ווייסע בגדים, און אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע מנורה מיט שיינע גרויסע לעכט. פלוצלינג, האָט איינער פון די געסט בטעות געגעבן אַ שטופּ דעם טיש, און די לעכט זענען געפאלן און האָבן זיך פאַרלאָשן... ס'איז געוואָרן טונקל אין צימער... רבי יהודא פתייא זצ"ל האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. שפּעטער, ווען די רעביצין איז אַריינגעקומען מיט'ן טאַץ פיש, איז דער טאַץ אַראָפּגעפאַלן פון אירע הענט, און אַלעס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ערד... איז רבי יהודה אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, צו זעהן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די פיש, אָבער דאַן האָט ער זיך אויסגעגליטשט פון דעם פיש-זאַפט, און איז געפאַלן אויף דער ערד, און זיין שיינע ווייסע בעקישע איז געוואָרן פאַרשמירט... מיט דעם אלעם, אָבער, האָט ער זיך נישט געבייזערט...

זאגט ער, אז מען זאל זיך געוואוינען צו זאגן ראש השנה נאך תפילת שחרית, די ווערטער 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', און 'גם זו לטובה', כדי אז אויב עס איז חלילה נגזר געווארן פארקערט זאל עס איבערגעדרייט ווערן צום גוטן, אמן כן יהי רצון.

### יום הזכרון - מ'קען אין ר"ה אלעס טוישן לטובה

די גמרא זאגט (ר"ה י.) אז אין ראש השנה זענען שרה, רחל, און חנה נפקד געווארן מיט קינדער. זאגט דער מהרש"א (דף יא., ד"ה 'אתיא'), אז צוליב דעם טעם ווערט ראש השנה אנגערופן 'יום הזכרון', ווייל אין דעם טאג קומען ארויף דער זכרון פון אלע באשעפענישן צום גוטן אדער פארקערט ח"ו. און דאס האט פאסירט מיט שרה, רחל און חנה, וועלכע זענען געווען עקרות מצד זייער טבע און מזל, איז זייער זכרון ארויפגעקומען צום גוטן אין ראש השנה, צו טוישן זייער טבע[לא], עכ"ל.

די ווערטער פונעם מהרש"א זענען אזוי ווי א 'מועט המחזיק את המרובה', ווייל דער מהרש"א שרייבט דא אין געציילטע ווערטער, וועגן די גרויסקייט פון דעם הייליגן טאג, אז מ'קען אין ראש השנה איבערדרייען אלע טבעיות'ן און מזלות, און עס צו טוישן לטובה ממש 'מן הקצה אל הקצה'!

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער 'שם משמואל' (ר"ה שנת עדר"ת, ד"ה 'נראה'), אז די גרעסטע ענדערונג וואס קען פארקומען אין די בריאה, וואס

---

ביים סוף פון יענעם יאר, האט ער געזאגט, אז **ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט א גוט זיס יאר ווי יענעם יאר!** דאס מזל האט פאר איהם אויפגעשיינט פון הימל, און וואו ער האט זיך געווענדן האט ער מצליח געווען אויף אן אויסערגעווענליכן שטייגער. ער האט אויך זוכה געווען מחדש צו זיין יענעם יאר גאר שיינע חידושי תורה...

פון דא קען יעדער איינער פארשטיין לויט זיין מצב, אז **דער עיקר אין דער הייליגער נאכט און טאג פון ראש השנה, איז אנצונעמען אלעס מיט ליבשאפט און מיט א פרייליך געפיל, און זיין רואיג אז אלעס איז פאר די טובה פון מענטש, און דאן וועט אלעס וואס וועט מיט איהם פאסירן, זיין נאך א 'גוטער סימן', לטובה, לברכה ולהצלחה.**

עלטערע אידן אין ירושלים פלעגן זאגן, אז אויב מ'פירט זיך צו עסן ראש השנה ביינאכט א חלה און אן עפל איינגעטינקען אין האניג, כדי מרמז צו זיין אז מיר זאלן האבן א גוט זיס יאר, איז דאך אוודאי געוויסן אז עס איז נישט דא א בעסערער סימן ווי צו זיין א 'זיסער איד'. מ'זאל ארומגיין אין דעם טאג מיט א פרייליך פנים, און דאס וועט זיין פאר איהם א סימן, אז עס וועט אזוי זיין א גאנץ יאר...

אזוי האט דערציילט הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, אז ביי איינע פון די צדיקים האט אמאל פאסירט אז ראש השנה ביינאכט, ווען ער איז געווען גרייט צו מאכן קידוש, האט דער בעכער וויין זיך אויסגעגאסן, און ווען ער האט אויפגעשניטן די חלה איז דאס שטיקל חלה אראפגעפאלן פון זיין האנט. אויך די פיש האבן זיך דעמאלס פארברענט און זענען נישט געווען ראוי צום עסן... ווען די רעביצין האט דאס אלעס באמערקט, איז זי געווארן צובראכן, ווער ווייסט צי מ'וויזט זיי נישט דא 'נישט גוטע סימנים' ח"ו פון הימל, ספעציעל אין ראש השנה, ווען מ'טוט מאכן אזוי פיל גוטע סימנים. ווער ווייסט וואס פאר א יאר עס ווארט אויף זיי... האט איר מאן דער צדיק איר בארואיגט, אז ס'איז נישט דא וואס צו האבן חששות, ווייל דער גאנצער טעם פארוואס מיר מאכן די 'סימנים' ביים עסן גוטע און זיסע מאכלים, איז דאך נאר דערפאר ווייל דאס איז גורם פאר די טבע פונעם מענטש צו זיין רואיג און פרייליך. קומט אויס, אז **דער עיקר פון דעם גוטן סימן איז אין פנימיות פון מענטש, ער זאל זיין רואיג און פרייליך און זיך פארלאזן אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען**, און אויב אזוי, איז כאטש מיר האבן דא געזעהן עטליכע נישט גוטע סימנים, אבער אויב מיר וועלן בלייבן רואיג און פארזיכערט אין די חסדים פון דעם אויבערשטען, וועלן מיר אוודאי זוכה זיין צו א גוט יאר, ווייל דאס פנימיות פון הארץ איז דער בעסטער סימן פאר רחמים און חסדים.

**לא.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האט געזאגט א טעם פארוואס מ'לייענט ראש השנה די פרשה פון 'וה' פקד את שרה', ווייל די פקידה פון יצחק איז געווען קעגן די טבע, ווייל לויט'ן טבע האט שרה אמינו ע"ה שוין נישט געקענט האבן קינדער (יבמות סד:). דאס קומט אונז צו לערנען, אז **ראש השנה איז א צייט פון איבערקערענישן לטובה ולברכה, העכער פון די טבע, און אויך אויב דער מענטש האט געליטן צרות ח"ו ביז יעצט, פאנגט ער יעצט אן א 'נייע בלעטל', און אלעס וועט איבערגעדרייט ווערן צום גוטן.** ('חפץ חיים' עה"ת, און 'החפץ חיים, חייו ופעלו')

אַזוינס איז נאָך נישט געווען אויף דער וועלט, איז איבערצודרייען דעם עובר פון אַ זכר צו אַ נקיבה, און אַזאַ ענדערונג האָט פּאַסירט אין ראש השנה.

**דער** 'שם משמואל' לערנט עס פון די ווערטער פונעם פּייטן (שחרית ליום א' דראש השנה), 'זכר לה יושר ארחות, עובר להמיר בבטן אחות, חושבה כהיום זכרה להאחות', אַז אין ראש השנה איז דער זכר וואָס לאה אמינו ע"ה האָט געדאַרפט געבוירן, איבערגעדרייט געוואָרן צו אַ מיידל, און יענעם יאָר איז געבוירן געוואָרן דינה. זעהט מען פון דעם אַז דער טאָג איז 'מוכן ומזומן' צו מאַכן דערין 'איבערקערענישן'[לב].

**דער** טעם דערפון איז, ווייל אין ראש השנה ווערט די וועלט באַשאַפן פונדאָסניי, אָן קיין שום שייכות צו דעם וואָס ס'איז געווען פריער, און אפילו אויב אין די 'פריערדיגע וועלט' איז זיין מזל געווען שלעכט ח"ו, פאַנגט זיך יעצט אַלעס אָן פונדאָסניי, און דער מענטש ווערט אַזוי ווי אַ ניי-געבוירן קינד, ווי הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט ('אמרי פנחס השלם', אות תפא), אַז דער טאָג איז אַזוי ווי מ'נעמט אַ שטיקל זאַלץ וואָס ווערט אָנגערופן 'טאַלפּין', און מ'קאָכט עס אָפּ אין אַ טאָפּ צו מאַכן אַ נייעם 'טאַלפּין'. דאָס גאַנצע זאַלץ ווערט דאָרט אויסגעמישט און עס ווערט איבערגעדרייט פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף, אַזוי אַז מ'קען שוין אפילו נישט דערקענען וועלכעס פון זיי איז געווען דאָס אויבערשטע, און וועלכער זאַלץ איז געווען אונטן.

**דאָס** זעלבע איז מיט די איבערקערעניש אין ראש השנה. אַלעס ווערט דעמאָלס איבערגעדרייט צו ווערן באַשאַפן פונדאָסניי.

**אויך** זאָגט די גמרא (ראש השנה, דאָרט), אַז אין ראש השנה איז יוסף אַרויסגעקומען פון תפיסה אין מצרים, און אין ראש השנה איז בטל געוואָרן די שווערע אַרבעט פון אונזערע עלטערן אין מצרים. זעהען מיר פון דעם, אַז יעדע ישועה וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, פאַר דעם יחיד, און פאַר אַ רבים, ווערט פאַרשריבן אין ראש השנה, ווי דער גאון בעל 'שואל ומשיב' זצ"ל שרייבט (און מיר האָבן עס שוין ציטירט אויבן), אַז די אמהות זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער אין דעם טאָג פון ראש השנה, און אַלע טובות און השפעות פון קדושה ווערן נשפע אין דעם טאָג. 'זה היום תחילת מעשיך' - די וועלט ווערט באַנייט, אַזוי ווי ביים אָנהייב פון די בריאה.

**דאָס** איז געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן איד, 'זה היום תחילת מעשיך', צו שטיין און זיך באַנייען אין דעם טאָג, סיי ברוחניות - אין תורה און עבודת השם יתברך, און סיי בגשמיות - ביי אַלע ענינים פון לעבן, פרנסה, געזונט, רפואות און ישועות און אַלע אַנדערע השפעות. יעדער איד איז בכח צו פּועל'ן פאַר זיך אין ראש השנה, אַ זיס לעבעדיג יאָר, שנה טובה ומתוקה בבני[לג] חיי ומזוני[לד], און

**לב.** דער 'שם משמואל' פירט אויס, אַז אַ יעדע איד זאָל זיך פון דעם אַרויסלערנען, אַז **ס'איז נישט דאָ אַ צייט וואָס איז מער געאייגנט איבערצודרייען דעם מזל פון שלעכטן צום גוטן ווי ראש השנה**, ווייל אויב ביי ענינים פונעם גוף האָט אַזוי פּאַסירט ביי לאה, איז דאָך אַוודאי אַז ביי ענינים פון די נשמה, איז דער מענטש בכח צו מאַכן גרויסע מהפּיכות פאַר זיך, עס זאָל איהם שטענדיג זיין גוט.

### מן הבאר

הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט איין יאָר פאַר ראש השנה געזאָגט צו עטליכע יונגעלייט וואָס האָבן אינוועסטירט געלט אין אַ געשעפט, און האָבן ליידער פאַרלוירן זייער גאַנצן פאַרמעגן, בלייבנדיג ממש בעירום ובחוסר כל רח"ל, אַז די גמרא זאָגט, אַז ראש השנה איז יוסף אַרויסגעקומען פון טורמע און עס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן די זיבן זאַטע יאָרן אין מצרים. זעהען מיר דעם גרויסן כח פון ראש השנה, אַז דער מצב פון אַ מענטש קען ווערן איבערגעדרייט, ממילא, דאַרף מען זיך שטאַרקן און מתפלל זיין, און דער אויבערשטער וועט ווידער אויפהייבן ענקער מזל צו גיין העכער און העכער.

**לג.** רש"י זאָגט (יבמות סד:, ד"ה 'שלש פקידות'), אַז **דער אויבערשטער געדענקט די עקרות צו הערן זייער תפילה אין ראש השנה, און ער איז גוזר אַז זיי זאָלן האָבן קינדער.**

אַרויסגיין פון די אייגענע 'תפיסה' - יעדער איינער אויף זיין אייגענעם אופן. עס ווענדעט זיך נאָר אין אונז אַליין: 'ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה'.

**טאָקע** צוליב דעם, טאָר מען נישט פאַרפּאַסן ח"ו אַפילו איין סעקונדע אין דעם הייליגן טאָג, ווען אַלע טויערן אין הימל זענען ברייט אָפֿען.

די גמרא זאָגט (שבת יא.) 'כל מיחוש ולא מיחוש ראש', עס איז נישט גלייך אַ מיחוש וואָס אַ מענטש האָט אין קאָפּ ח"ו צו אַ מיחוש וואָס ער האָט אין אַן אַנדערן אבר, ווייל דער מענטש וואָס ליידט אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף אַן אַנדערן אבר אין זיין קערפּער, איז אפי' אויב דער קלאַפּ וועט איהם שטאַרק וויי טוהן, וועט ער נישט זיין אין אַ סכנה, אָבער אַ קלאַפּט אין קאָפּ קען חלילה גורם זיין אַ גרויסן שאָדן אויפ'ן גאַנצן לעבן ח"ו, ווייל דער עיקר ווענדעט זיך אַלעס אינעם קאָפּ.

**זאָגט** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע (לר"ה, ד"ה 'כל') אַז דאָס זעלבע איז מיט'ן 'קאָפּ' פון גאַנצן יאָר - ראש השנה, אויך אויב דורכ'ן יאָר האָט דער מענטש געליטן פון פאַרשידענע 'מיחושים' ח"ו, אָבער ראש השנה דאַרף ער זעהן זיך גאָר שטאַרק צו היטן, אַז אַפילו אַ סעקונדע זאָל אין דעם הייליגן טאָג נישט אַריבערגיין לבטלה ח"ו ל"ה.

---

עס שטייט אין ספר 'זרע קודש' (ר"ה, ד"ה 'וה' פקד'), אַז **ראש השנה, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איז די צייט פון פקידת עקרות.**

אַזוי שרייבט אויך דער 'אמרי נועם' (ר"ה, ד"ה 'בנוסח'), אַז די ראשי תיבות פון די ווערטער **'נפקד כהיום הזה'** (וואָס מיר זאָגן אין 'ונתנה תוקף') איז 'הנ"ך', וואָס איז דער שם וואָס איז ממונה **אויף קינדער**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טז, יא) 'הנך הרה ויולדת בן' וגו'. אויף אַן אַנדער אָרט (אות יב) שרייבט דער 'אמרי נועם', אַז די ווערטער **'וידגו לרוב בקרב הארץ'** באַטרעפן די זעלבע ווי די צוויי ווערטער **'ראש השנה'**.

דער 'תפארת שלמה' שרייבט (ליוה"כ, ד"ה 'רב איקלע'), אַ רמז אין די ווערטער 'כמה יעברון וכמה יבראון'. 'כמה יעברון' - **וויפיל עקרות זאָלן ווערן טראָגעדיג אין דעם יאָר.** 'וכמה יבראון' - **וויפיל חולים זאָלן ווערן געזונט.**

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ יונגערמאַן וואָס האָט געוואַרט אַ לאַנגע צייט געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, ער זאָל אין זינען האָבן ביי די ווערטער **'כמה יעברון' געהאָלפן צו ווערן מיט אַ ישועה**, און ער האָט צוגעגעבן, אַז די דאָזיגע סגולה איז **'בדוק ומנוסה'**.

ענליך שרייבט שוין דער אַפּטער רב זי"ע, אין 'אוהב ישראל' (ליקוטים חדשים, ימים נוראים), אַז מיר לייענען דעם ערשטן טאָג ראש השנה די פרשה פון 'וה' פקד את שרה', ווייל **מיט דעם קענען מיר ממשיך זיין אַ ישועה פאַר עקרות געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער** (אין פרשת ויצא, שרייבט דער אַפּטער רב זי"ע דאָס זעלבע וועגן זאָגן די דאָזיגע פרשה אַגאַנץ יאָר).

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז כאָטש מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין אונזערע הייליגע אבות און אמהות, אָבער פון די גמרא וואָס זאָגט אַז שרה און רחל זענען נפקד געוואָרן אין ראש השנה, זעהט מען קלאָר אַז **אַפילו זיי האָבן נישט געקענט אויס'פועל'ן פאַר זיך אַ ישועה צו האָבן זרע של קיימא, נאָר אין ראש השנה**, צוליב די גרויסע סגולה פונעם טאָג.

קען מען פון דעם לערנען אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר' פאַר אונז, ווי ווייט מיר דאַרפן זיך משתדל זיין מיט אַלע כוחות אויסצונוצן דעם הייליגן טאָג ראש השנה, 'כי ממנו תוצאות חיים'.

**לד.** הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע זאָגט ('תורת אמת', יום שני דראש השנה תרל"ט), **אַז אין ראש השנה ווערן נתעורר אַלע השפעות טובות - בני, חיי, ומזוני**, ווייל ס'איז אין דעם טאָג נשפע געוואָרן ביי בריאת העולם. **'בני'** - ווייל אין דעם טאָג האָט דער אויבערשטער געזאָגט (בראשית א, כח) 'פרו ורבו', און אַזוי ווי ס'איז געווען בפועל. **'חיי'** - ווייל ביי די בריאה פון אדם הראשון זאָגט דער פסוק (שם ב, ז) 'ויפח באפיו נשמת חיים, ויהי האדם לנפש חיה'. **'מזוני'** - פרנסה, איז שוין אויך צוגעגרייט געוואָרן פאַר'ן מענטש ביי בריאת העולם, ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט (שם, פסוק יא) 'תדשא הארץ'.

**לה.** הגה"ח רבי ישראל שמעון קאַסטעלאַניץ ז"ל, מגדולי חסידי סלאָנים, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, אַז ער פלעגט שרייען אין די הייליגע טעג פון די טיפענישן פון זיין הייליג האַרץ: **'מ'זאל זיך נישט דרייען ווי אַ נאַר אויפ'ן מאַרק'**. דאָס הייסט, מ'זאָל זעהן אויסצונוצן יעדע סעקונדע צום גוטן.

**דאָס** איז אויך מרומז אין פסוק (קהלת ב, יד) 'החכם עיניו בראשו'. דער קלוגער מענטש זעהט אַז אַלעס ווענדעט זיך אינעם 'קאָפּ', און ער פאַרשטייט ווי טייער און ווערדפול ס'איז יעדע סעקונדע אין דעם הייליגן טאָג ראש השנה, וואָס איז משפיע אויפ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה[לו].

---

**לו.** דער פריערדיגער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, ברענגט ('ספר השיחות', תחילת שנת תש"ב) אז **דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט זיך געפירט צו זאָגן אַסאַך תהלים במשך דעם ערשטן טאָג ראש השנה**, ביז נאָך תפילת מעריב פון די צווייטע נאַכט יום טוב. ער האָט אַפילו נישט געזאָגט אַ 'מאמר' אין ערשטן טאָג (כאָטש ס'איז באַקאַנט ווי חשוב ס'איז געווען ביים בעל התניא זי"ע, צו זאָגן 'מאמרים'). **ער האָט זיך ממש נישט אָוועקגערוקט פונעם מחזור און פונעם תהלים'ל**, פון ערב ראש השנה ביז די צווייטע נאַכט ראש השנה. דער רבי ריי"ץ שרייבט דאָרט, אַז אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע.

דער בעל התניא זי"ע פלעגט אויך אָנזאָגן זיינע תלמידים אין ראש השנה, צווי זאַכן: **א)** זיי זאָלן שלאָפן וויייניג [דאָס מיינט, זיי זאָלן זיך צוריקהאַלטן פון שלאָפן מער ווי עס פעלט אויס פאַר'ן גוף, ווייל אויב מ'שלאָפט וויייניגער ווי דער גוף פאַרלאַנגט, איז מען מיד און צעטומעלט, וואָס דאַן איז 'יצא שכרו בהפסידו']. **ב)** זיי זאָלן זיך צוריקהאַלטן פון רעדן דברים בטלים. די דאָזיגע צווי הנהגות זענען זאַכן וואָס יעדער מענטש קען עס באַוויזן צו טוהן.

אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק. ראש השנה, פלעגט ער אויפשטיין גאָר פרי, און ביי דעם עלות השחר איז ער שוין געשטאַנען אין ביהמ"ד און אָנגעהויבן זאָגן 'פסוקי דזמרה' מיט גרויס דביקות. ער איז געווען דער בעל תפילה ביי אַלע תפילות, פון אָנהייב ביז'ן סוף, און געבלאָזן די תקיעות. תפילת מוסף האָט ער געענדיגט אַ שעה נאָך חצות היום, און דאַן איז ער געגאַנגען עסן סעודת יום טוב. די גאַנצע סעודה האָט אָבער געדויערט נישט מער ווי אַ האַלבע שעה. דערנאָך איז דער רבי ר' אלימלך זי"ע צוריקגעקומען אין ביהמ"ד, **און געזאָגט תהלים בציבור מיט השתפכות הנפש, ביז'ן סוף פונעם טאָג** (ספר 'אהל אלימלך', אות שמב).

די פוסקים שרייבן דאָך שוין ('משנה ברורה' סי' תקפ"א, סק"ג) אַז **ס'איז ראוי צו ענדיגן ספר תהלים דריי מאָל פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור**, און ס'איז נישט דאָ אַ שטאַרקערער 'וואָפן', ווי די הייליגע פסוקים וואָס דוד המלך ע"ה האט מחבר געווען פאַר אַלע דורות, זיך אויסצוגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער און מעורר זיין רחמים און חסדים אויף דער וועלט.

מיר האָבן אויך געהערט וועגן **אַ וואונדערליכע סגולה צו ענדיגן צוויי מאָל גאַנץ ספר תהלים די ערשטע נאַכט ראש השנה, און עס איז זייער מסוגל פאַר גרויסע ישועות** [עס ווערט געברענגט אַ רמז דערצו, אין פסוק (תהלים פא, ח) 'אענך בסתר רעם'. בסת"ר איז ראשי תיבות **ב' ס**'פרי **ת**'הילים **ר**'אש השנה].

אַ מקור דערצו ווערט געברענגט אין ספר 'בינת יששכר' (וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פראַג 250 יאָר צוריק), אַז ער האָט געזעהן אין אַ ספר אַז **ס'איז גוט אויסצוזאָגן ראש השנה ביינאַכט צוויי מאָל תהלים פון אָנהייב ביז'ן סוף**, ווייל עס זענען דאָ 150 קאַפּיטלעך אין תהלים, און צוויי מאָל 150 איז 300, בגימטריא 'כפר', און עס איז 'מענינא דיומא', וואָס מ'דאַרף האָבן אַ כפּרה, עכ"ל.

מיר האָבן געהערט פון איינע פון די באַקאַנטע פוסקי דורינו, אַז ער אליין האָט געוואַרטן **22 יאָר** געהאָלפן צו ווערן מיט זש"ק. איין יאָר, ערב ראש השנה, האָט איינער אריין געלייגט אַ בריוו אין זיין פּאָסט-קעסטל, און דאָרט איז געווען געשריבן די סגולה. ער האָט זיך שטאַרק צוגעכאַפּט דערצו, און אויסגעזאָגט 2 מאָל תהלים, און אַ יאָר דערויף איז ביי איהם געבוירן געוואָרן זיין בת יחידה.

ער אליין, האָט גענומען אויף זיך צו מפרסם זיין די סגולה, און איין יאָר האָט ער גערעדט אַ דרשה פאַר 30 עלטערע בחורים און זיי דערציילט זיין פערזענליכע נס. די בחורים האָבן יענעם ראש השנה אויסגעזאָגט מיט כוונה 2 מאָל תהלים ביינאַכט, און ביז דריי חדשים זענען שוין 29 געוואָרן חתנים, בשעה טובה.

אַוודאי איז פאַר אַסאַך מענטשן שווער צו טוהן דאָזיגע סגולה, ספּעציעל אַז מאָרגן, ראש השנה, דאַרף מען שטיין לאַנגע שעה'ן און דאַווענען מיט אַ קלאָרן קאָפּ, אָבער די סגולה ווערט געברענגט כדי מיר זאָלן וויסן די חשיבות און דעם כוח פון די סגולה, און **דער עיקר איז אויסצונוצן די צייט ווי ס'דאַרף צו זיין, און נישט גיין ליידיג אַפילו איין סעקונדע אין דעם הייליגן טאָג**, און מ'זאָל אויסזאָגן **כאָטש איינמאָל תהלים, אָדער אַ חלק דערפון, יעדער איינער לויט זיין מעגליכקייט, אָדער מ'זאָל עס איינטיילן צווישן די בני בית, א.א.וו.**

יאָר-יערליך, זאָגן עדות באַגלייבטע עדים וועגן 'אותות ומופתים' צו וועלכע זיי האָבן זוכה געווען אין דעם זכות פון זאָגן תהלים צוויי מאָל ראש השנה ביינאַכט. דאָס מזל האָט זיך איבערגעדרייט ביי זיי, אויך ביי זאַכן וואָס האָבן שוין אויסגעזעהן ווי ס'איז חלילה נישט דאָ קיין שום שאַנס אויף דער וועלט אַז זיי זאָלן איבערגעדרייט ווערן צום גוטן, מיט בני, חיי, און מזוני, מיט גוטע שידוכים, יעדער איינער אויף זיין אופן, וואָס עס האָט איהם געפעלט.

צום ביישפיל, מיר ווייסן פון אַ משפחה וואָס פיר קינדער האָבן זיך דאָרט געפּלאָגט מיט אַ שידוך - יעדער איינער פון זיי מיט זיין אייגענע 'מעשה', איינע 'שווערער' פון דער אַנדערער. אַלזאָ, אינמיטן די סעודה ראש השנה ביינאַכט האָבן זיי גערעדט וועגן די דאָזיגע סגולה, און זיי האָבן באַשלאָסן **איינצוטיילן צווישן זיך אויסצוזאָגן תהלים צוויי מאָל**. יענעם יאָר, האָבן אַלע פיר קינדער חתונה געהאַט מיט גוטע זיווגים, וואָס זענען געווען 'לכתחילה שבלכתחילה'.

**בני** - מיר האָבן געהערט פון אַ באַקאַנטן איד פון פלאָרידאַ, אַז ער האָט געוואַרט **צוואָנציג יאָר** אויף קינדער. אַלע פּעולות וואָס ער האָט געטוהן, האָבן נישט געהאָלפן. איין יאָר, האָט ער געזאָגט מיט כוונה צוויי מאָל תהלים, און ער איז געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד, ממש למעלה מדרך הטבע.

אַ וואונדערליכע מעשה האָט פּאַסירט מיט אַ משפחה אין תל אביב, וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן נאָך דער חתונה נישט געהאַט קיין קינדער. ראש השנה ביינאַכט, האָט די עקרת הבית אויסגעזאָגט צוויי מאָל גאַנץ ספר תהלים, און וואונדער איבער וואונדער, אַ יאָר שפּעטער, די ערשטע נאַכט ראש השנה, האָט זי געבוירן אַ טאָכטער למזל טוב. ממש 'שנה תמימה' פון טאָג צו טאָג... דאָס איז געווען אַ גוטער סימן אָנהייב יאָר, אַז זייער תפילה איז אָנגענומען געוואָרן.

**חיי** - מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ טייערער איד פון בני ברק יצ"ו, אַז זיינע נירן האָבן ליידער אויפגעהערט אַרבעטן, און ער האָט זיך גענויטיגט אין 'דיאַליז' באַהאַנדלונגען. ער איז שוין געווען אַזוי שוואַך, אַז די דאָקטוירים האָבן איהם איינגעמאָלדן, אַז מ'וועט איהם נישט קענען איינפלאַנצן נייע נירן... ער האָט ממש פאַרלוירן יעדע האָפענונג, האָבן זיי געזאָגט, און ער וועט ביז'ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, זיך נויטיגן אין 'דיאַליזע' באַהאַנדלונגען. האָט דער איד אויסגעזאָגט גאַנץ ספר תהלים ראש השנה ביינאַכט, צוויי מאָל, און יעצט האַלט ער שוין נאָך אַ נירון-איבערפלאַנצונג, כה יתן לו ה' וכה יוסיף, אורך ימים ושנות חיים.

**מזוני** - אַ יונגערמאַן האָט אונז געשריבן אין אַ בריוו, אַז אַלס רעזולטאַט פון חובות וואָס האָבן זיך איהם אָנגעזאַמלט פון טאָג-טעגליכן לעבן, און אויך אַלס רעזולטאַט פון אַ דורכגעפאַלנעם 'אינוועסטמענט' וואָס ער האָט געמאַכט, איז ער אָנגעקומען צו אַ מצב אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט צו צאָלן דירה-געלט ('רענט') פאַר'ן 'לענדלאָרד'. נאָך זעקס חדשים וואָס ער האָט נישט געצאָלט דעם רענט, האָט דער בעה"ב פון דער דירה, איהם פשוט 'אַרויסגעוואָרפן' פון דער דירה, און ער איז ליידער געווען געצוואונגען אַריבערצוציין וואוינען ביי זיינע עלטערן, און זיך אַריינשטופּן דאָרט מיט זיינע בני בית און דריי קינדער. ער האָט טאָג און נאַכט 'געדרייט' מיט חובות, געלאָפן פון איין גמ"ח צום אַנדערן, און 'חוזר חלילה'. מיט אַזאַ 'פנים' איז ער אַריינגעקומען אין דעם הייליגן טאָג ראש השנה, צעבראָכן און צעקלאַפּט.

האָט ער געטראַכט ביי זיך, אין אַזאַ מצב, קען איך דאָך זיכער נישט מאַכן אַ 'הכנה' צום הייליגן יום טוב ראש השנה, ווען כ'בין פאַרנומען מיט'ן גאַנצן מוח צו שאַפן געלט... וועל איך כאָטש זאָגן תהלים מיט פּשטות און תמימות. ער האָט אַלזאָ גענומען אויף זיך צו זאָגן מיט מסירות נפש צוויי 'ספרים' תהלים ראש השנה ביינאַכט. און 'חסדי ה' כי לא תמנו' - דער אויבערשטער האָט איהם צוגעשיקט שפּעטער אַ איד אַ צדיק, וועלכער האָט איהם געשאָנקען אַ נדבה, דירה-געלט אויף אַ האַלב יאָר, און ער האָט אויך געפונען אַ גוטן אַרבעטס-פּאָסטן אין דער זייט. דער גאַנצער דרוק פון די בעלי חובות, איז אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס, ווען ער האָט באַוויזן צו פּועל'ן ביי זיי אַז ער וועט זיי צאָלן צוביסלעך. ער זאָגט אַלזאָ 'שירה', אַזוי ווי נאָך 'קריעת ים סוף'...

**זיווגים הגונים** - עס האָט אונז דערציילט אַ איד וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַן עלטערע מיידל וואָס איז שוין געווען **פערציג יאָר אַלט**... נאָכ'ן אויסזאָגן צוויי מאָל תהלים ראש השנה ביינאַכט, האָט ער זוכה געווען צו אַ גוטן 'אחרית שנה', און אין דער נאַכט פון 'זכור ברית', דאָס קומענדיגע יאָר ערב ראש השנה, האָט מען אין אַ מזל'דיגער שעה 'געבראָכן טעלער'...

### מה שתבקש מהיוצר, יעשה - יעדע פשוט'ע תפילה, האט א מורא'דיגע כח

די משנה זאגט (ב"מ קה:), און אזוי ווערט גע'פסק'ענט אין שו"ע (חו"מ סי' שכ"ב ס"ב) אז אויב א מענטש האט געדינגען א פעלד ביי א צווייטן אויף א יאר פאר א באשטימטן סכום, און דאס פעלד איז פארפלייצט געווארן און די תבואה איז קאליע געווארן צוזאמען מיט אלע פעלדער פונעם לאנד (וואס הייסט א "מכת מדינה"), דארף דער מענטש וואס האט עס געדינגען אויפ'ן יאר, נישט באצאלן פאר'ן פעלד, ווייל אלע פעלדער זענען פארפלייצט געווארן, און עס ווערט גערעכנט ווי ער האט נישט באקומען א פעלד אויפ'ן יאר.

די גמרא (שם קו.) קלערט אריין, אז אויב דער פארדינגער האט איהם געהייסן איינזייען ווייץ, און אנשטאט דעם האט ער איינגעזייט גערשטן, און די גערשטן זענען פארפלייצט געווארן, צי איז דער דינגער מחויב צו באצאלן פאר'ן פעלד, וויבאלד אלע פעלדער זענען דאך פארפלייצט געווארן אין דער "מכת מדינה", איז דער שאדן פאר'ן אייגנטימער פונעם פעלד, און נישט פאר דעם וואס האט עס געדינגען, אדער זאגט מען, אז דער פעלד-אייגנטימער קען איהם זאגן, אויב דו וואלסט איינגעזייעט ווייץ, אזוי ווי איך האב דיר באפוילן צו טוהן, וואלט ביי מיר מקויים געווארן דער פסוק (איוב כב, כח) "ותגזר אומר ויקם לך", און רש"י טייטשט (ד"ה "ותגזר"), "מה שתבקש מהיוצר, יעשה" - וואס דו וועסט נאר בעטן פון דעם באשעפער, וועט ער טוהן פאר דיר. דעריבער קען דער אייגנטימער פון פעלד זאגן, "איך האב נישט געבעטן דעם אויבערשטען אנהייב יאר אז ער זאל דיר געבן הצלחה ביי גערשטן, נאר ביי ווייץ".

די גמרא פירט אויס אזוי ווי דער צווייטער צד פונעם ספק, אז מ'נעמט אן די טענה פונעם בעה"ב פון פעלד, און מ'זאגט אז וויבאלד ער האט מתפלל געווען אין ראש השנה אז דער אויבערשטער זאל איהם געבן הצלחה אין די ווייץ וואס מ'וועט איינזייען אין זיין פעלד, וואלט ער אוודאי מצליח געווען ביי די ווייץ, כאטש אלע מענטשן פון לאנד האבן שאדן געהאט זייערע תבואות, נאר וויבאלד דער מענטש וואס האט געדינגען האט געטוישט, און איינגעזייט דארט גערשטן, האט ער שאדן געהאט צוזאמען מיט אלע מענטשן פון לאנד, ווייל אויף דעם האט ער דאך נישט געבעטן אנהייב יאר.

זעהען מיר דא דעם ריזן כח פון תפילה. און נאך מער, די דערמאנטע הלכה, איז נישט געזאגט געווארן דווקא אויב דער וואס פארדינגט דאס פעלד איז איינער פון די 'צדיקי הדור', אדער אמווייניגסטענס

---

אויך האבן מיר געהערט א באגלויבטע עדות, פון א חשוב'ן איד, א צדיק, וועלכער האט געהאט פיר קינדער 'אין די יארן', און אלע זענען געזעסן און געווארט אויף זייער זיווג צוליב פארשידענע סיבות, און עס האט זיך גארנישט גערירט פון ארט. ס'איז איבעריג צו שילדערן דעם צער פון אזעלכע עלטערן... אלזא, ראש השנה ביינאכט, האט דער איד איינגעטיילט צווישן די משפחה צו זאגן תהלים, און אין משך פון יענעם יאר, זענען אלע פיר קינדער געהאלפן געווארן מיט זיווגים הגונים, בעזרת השי"ת.

דאס אלעס איז א 'טיפה מן הים' פון דעם וואס מ'הערט אין משך פונעם יאר, וועגן וואונדערליכע ישועות וואס קומען ווען מ'טוט די דאזיגע סגולה.

(און כאטש מיר זענען נישט באקאנט פון דעם באשעפער'ס חשבונות, און איך האב געהערט ווי מענטשן באקלאגן זיך אז זיי האבן געטוהן די סגולה און זענען נישט געהאלפן געווארן. דארף מען וויסן, אז עס איז צומאל ענליך צו א מענטש וואס האט עטליכע טעג נישט געגעסן, איז ער אריינגעגאנגען אין געשעפט פון זיין חבר, און איהם געבעטן, איך פאסט שוין עטליכע טעג, גיב מיר, ביטע, א שיינע פארציע פון א שארפן מאכל. זיין חבר, אבער, וועלכער איז איהם געטריי, וועט איהם אבער נאר געבן לייכטע מאכלים, ווייל ער ווייסט דאך אז א שארפן מאכל איז אזוי ווי 'סם המות' רח"ל פאר איינעם וואס האט נישט געגעסן עטליכע טעג.

די זעלבע איז אויך מיט אונז, **מיר פארשטייען נישט די הימלישע חשבונות**. מיר דארפן נאר טוהן אונזער חיוב פון השתדלות, און פון הימל וועט מען זיך שוין דערבארימען אויף אונז, און מיר וועלן אוודאי זוכה זיין צו אסאך שפע און גרויסע ישועות בכפלי כפליים, על כל פנים ביי די זאכן וואס זענען יא גוט פאר אונז יעצט, אזוי ווי דער ידיד וואס גיט פאר דעם 'פאסטער', א מאכל וואס דערקוויקט זיין הארץ...).

פון די ל"ו צדיקים נסתרים, נאָר יעדער איד - יהיה מי שיהיה - איז בכח צו טענה'ן, "איך האָב אָנהייב יאָר מתפלל געווען אויף די הצלחה פון ווייץ, און איך בין זיכער, אַז אויב דו וואָלסט מיך געפאָלגט און איינגעזייט ווייץ, וואָלט די תבואה נישט קאַליע געוואָרן, אַפילו ווען עס איז אַ "מכת מדינה"... און מיט אט די טענה, נעמט מען אַרויס געלט פון דעם דינגער, ע"פ דין תורה. אויב עס וואָלט געווען אַפילו אַ 'ספק-ספיקא' אַז די תפילה וועט נישט העלפן, ווי אַזוי קען ער אַרויסנעמען געלט פון איהם? מיר האָבן דאָך אַ כלל, 'המוציא מחבירו עליו הראיה'. אלא מאי, זעהען מיר פון דאָ, אַז די תפילה פון יעדן איד העלפט אין די הייליגע טעג, אַזוי ווי די תפילה פונעם צדיק הדור[לז], ממילא איז ער זיכער אַז זיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן פאַר'ן באַשעפער.

**דער** לימוד פון דעם פאַר אונז איז, אויב אַ פשוט'ער מענטש איז בכח צו פועל'ן מיט זיין תפילה וואָס ער איז מתפלל אָנהייב יאָר, גערעכטעוועט צו ווערן פון אַ 'מכת מדינה', דאָס הייסט, די גאַנצע וועלט זאָל פאַרלירן געלט און ער וועט פאַרבלייבן מיט פאַרדינסטן, קענען מיר אויך פועל'ן אין אַלע ענינים: אויב עמיצער נויטיגט זיך אין אַ רפואה שלימה, קען ער אויסגעהיילט ווערן, קעגן די מיינונג פון די דאָקטוירים וואָס האָבן איהם אויפגעגעבן חלילה, אָדער צו שעפּן נחת דקדושה, אויך אין פאַל ווען "אַלע" מחנכים האָבן "געהויבן העגט" אין יאוש, אָדער געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, קעגן דער מיינונג פון "אַלע" מומחים, אָדער אויפצושטעלן אַ אידישע שטוב, אויך ווען "אַלע" שלום-מאַכער האָבן אויפגעגעבן האָפענונג... דאָס זעלבע, יעדער מענטש מיט זיין ווייטאָג איז אימשטאַנד אַרויסצוציען אויפ'ן "דרך המלך" מיט זיינע תפילות, אָנהייב יאָר.

**אפילו** אויב די גזירה איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן חלילה וחס, איז די תפילה אָנהייב יאָר בכוח בטל צו מאַכן אַלע שווערע גזירות[לח], ווי עס שטייט

**לז.** זיי גיבן צו אַ וואונדערליך וואָרט. דער פסוק "ותגזר אומר ויקם לך" איז געזאָגט געוואָרן וועגן חוני המעגל (תענית כג.), וואָס האָט מיט זיין תפילה אַלעס גע'פועל'ט אין הימל, ווי אַ זון וואָס בעט זיך ביי זיין טאַטע און ער גיט איהם נאָך זיין באַגער. פון דעם לערנען מיר, אַז **יעדער "פשוט'ער איד" איז בכח אין ראש השנה, צו פועל'ן מיט זיין תפילה, פונקט אַזוי ווי חוני המעגל...**

**לח.** דער "ערבי נחל" (לר"ה) ברענגט אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס האָט פאַסירט ביי איינע פון די תלמידים פון אר"י הקדוש זי"ע (אויך דער "היכל הברכה", ברענגט די מעשה, און ער גיט צו דעם נאָמען פונעם תלמיד: רבי יוסף מערבי ז"ל): אין דעם טאָג פון ראש השנה, האָט אליהו הנביא ז"ל זיך באַוויזן צו איהם און איהם געזאָגט, "למען השם, דו זאָלסט זיך שטאַרקן און מרבה זיין בתפלה ובתחנונים, ווייל די מקטריגים האָבן זיך געשטאַרקט אויף אַזוי ווייט, אַז דער גרויסער שר מיכאל, וועלכער דערמאַנט שטענדיג די זכותים פון אידישע קינדער, איז שטיל געוואָרן און זיין כח איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן.

האָט דער תלמיד פונעם אריז"ל געפרעגט אליהו, יענעם יאָר האָבן דאָך אידן געלערנט אַ סאַך תורה, איז וואו איז דער זכות פון די תורה? האָט אליהו געענטפערט, אַז אויף דעם גופא איז דער קיטרוג, אַז מ'האָט געלערנט תורה נישט אַזוי ווי מ'דאַרף לערנען.

האָט דער תלמיד ווייטער געפרעגט: "און וואָס זאָגט אברהם אבינו צו דעם? ער איז דאָך דער טאַטע פון אַלע אידן, פאַרוואָס קומט ער נישט מלמד-זכות זיין? מ'וועט דאָך איהם אַוודאי נישט אָפּשיקן מיט ליידיגע הענט". האָט אליהו געענטפערט, אַז אברהם זאָגט אַז ער שעמט זיך צו גיין בעטן פאַר זיי.

ווען דער תלמיד פונעם אריז"ל האָט דאָס געהערט, האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ ציטערדיג קול: "עם ה', חזקו ונתחזקה - לאָמיר זיך שטאַרקן און מתפלל זיין פאַר אונזער פאָלק, און פאַר די שטעט פון אונזער באַשעפער. טוט תשובה אויף אַלע אייערע עבירות. ווער ווייסט, אפשר וועט דער אויבערשטער זיך באַרעכענען און זיך באַרעכענען פונעם שלעכטן וואָס ער האָט געוואָלט טוהן, ווייל דער צאָרן איז שוין אַרויס פון איהם, די הענט פון די מקטרגים האָבן זיך געשטאַרקט און אונזער מליץ יושר האָט שוין נישט אַן ענטפער וואָס זיי צו ענטפערן".

ער האָט אַזוי לאַנג געשריגן מיט מוסר אַז אידן זאָלן תשובה טוהן, ביז אליהו איז געקומען צו איהם און ער האָט איהם געזאָגט, אַז אברהם אבינו ע"ה האָט זיך אָנגעקליידעט אינעם כח התשובה פון יענער שול, און ער איז

אין ספה"ק "ערבי נחל" (דרוש לפסח, דרוש ב'): ביי דעם 'ברית בין הבתרים', האָט דער אויבערשטער געזאָגט (בראשית טו, יג) "ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה", און זיי וועלן פייניגן די אידן פיר הונדערט יאָר. דאָס איז געווען די גזירה פון "שיעבוד מצרים", וואָס איז קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורכ'ן באַשעפער, אָבער פונדעסטוועגן, ווען די אידן האָבן געקרעכצט און געוויינט, "ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", איז באַלד מקויים געוואָרן "ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה", און זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון מצרים נאָך בלויז 210 יאָר אין גלות.

**דאָס** איז דערפאַר ווייל אַזוי איז דער רצון פון באַשעפער באַלד ווען דער אויבערשטער גיט אַרויס די גזירה, איז ער אויך גוזר אַז די גזירה זאָל בטל ווערן ווען דער איד וועט מתפלל זיין בטל צו מאַכן די גזירה.

**לויט** דעם, זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט ראש השנה "זכר ליציאת מצרים". לכאורה, וואָס פאַר אַ שייכות האָט יציאת מצרים מיט ראש השנה, "זה היום תחילת מעשיך, זכרון ליום ראשון"? נאָר פון דעם לערנען מיר, אַז פונקט ווי די אידן האָבן געמאַכט אַן "איבערקערעניש", און בטל געמאַכט די גזירה פון שעבוד מצרים דורך זייער תפילה און צעקה, און אַזוי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון מצרים פאַר די צייט, אַזוי איז יעדער איד בכח צו מאַכן איבערקערענישן אין דעם טאָג. "אין דבר העומד בפני התפילה"[לט].

**בבלל**, איז דאך ראש השנה א חלק פון די עשרת ימי תשובה, אויף וועלכע דער פסוק זאָגט (ישעיה נה, ו) "דרשו ה' בהמצאו, קראוהו בהיותו קרוב". און דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה פ"ב, ה"ו) בזה הלשון, "אף על פי שהתשובה והצעקה יפה לעולם, בעשרה

---

געקומען פאַר דעם אויבערשטען צו דערוואַרטן און אָפּשטופּן דעם משפט ביז יום כיפור, כדי אידן זאָלן דערווייל תשובה טוהן און זיך אומקערן פון זייערע וועגן. באַלד נאָך ראש השנה, האָט דער רב געשריבן בריוו צו אַלע נאָנטע שטעט, אַז מ'זאָל זעהן תשובה צו טוהן ווי ווייט מעגליך, און ער האָט זיי געמאָלדן אַלעס וואָס ער האָט געהערט פון אליהו הנביא זכור לטוב, עכ"ל.

**עס נעמט אַרום אַ ציטער ווען מ'זעהט די מעשה, ווייל פון דאָ זעהען מיר ווי ווייט עס דערגרייכט דער כוח פון תפילה, אַז אין אַזאַ שווערע צייט, ווען דער מלאך מיכאל, דער שר פון אידישע קינדער, האָט שוין נישט געקענט ממליץ-טוב זיין פאַר אידן, און אַפילו אברהם אבינו ע"ה, דער טאַטע פון כלל ישראל, האָט זיך געשעמט צו גיין בעטן רחמים פאַר זיינע קינדער, האָבן אָבער די תפילות פון אידישע קינדער געהאָלפן מבטל זיין די דינים און פאַרשניידן אַלע מקטריגים, ווי אליהו הנביא האָט געזאָגט צום תלמיד פונעם אריז"ל: "למען השם התחזק להרבות בתפלה ותחנונים".**

פון דאָ לערנען מיר אויך דעם כח וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן צו די מענטשן אויף דער וועלט, אַז נאָר דורך תשובה וואָס אידן האָבן געטוהן דאָ אויף דער וועלט, איז אברהם אבינו ע"ה געווען בכח אָפּצושטופּן דעם משפט ביז נאָך יום כיפור. זעהען מיר קלאָר ווי **דער מענטש טוט מיט זיינע תפילות און מיט זיין תשובה, "אויפטרייסלען" אַלע וועלטן, און ער איז גורם פאַר די אויבערשטע, נתעורר צו ווערן און בעטן פון דעם אויבערשטען אַ ישועה פאַר דעם מענטש.**

**לט.** דער ראָפּשיצער רב זי"ע פלעגט מעורר זיין מיט אַ מעשה שהיה, אין איינע פון די שלאַכטן וואָס דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי ימ"ש האָט געפירט קעגן זיינע פיינט, האָבן די פיינטליכע קרעפטן געשאָסן אַ טויטליכן פייל ציל'נדיג אויפ'ן צאַר. אין יענעם מאָמענט, האָט אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט באַמערקט וואָס דאָ קומט פאָר, אויסגעשריגן מיט אַ ביטער קול, און דאָס פערד אויף וועלכן דער צאַר האָט געריטן, איז דערשראָקן געוואָרן און האָט אַרויפגעשפּרינגען הויך. אַזוי איז דער פייל אַריין אינעם פערד וועלכער האָט גע'פּגר'ט אויפ'ן אָרט, און דער צאַר איז געראַטעוועט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה, האָט דער צאַר געשיקט רופן יענעם סאָלדאַט, און ער האָט איהם געזאָגט אַז ער וויל איהם באַלוינען פאַר דעם וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן. ער קען דעריבער בעטן וואָס זיין האַרץ גליסט נאָר. האָט דער סאָלדאַט, וועלכער האָט געהאַט אַ 'קליין קעפּל'... געזאָגט פאַר'ן קעניג, אַז היות זיין קאָמאַנדיר אין דער אַרמיי פייניגט איהם, בעט ער פונעם קייסער מ'זאָל באַשטימען אַ צווייטן קאָמאַנדיר... האָט דער צאַר איהם געזאָגט:

הימים שבין ראש השנה ויום הכיפורים, היא יפה ביותר, ומתקבלת היא מיד". כאטש תשובה און שרייען צום אויבערשטען איז שטענדיג גוט, אבער אין די צען טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור, איז עס פיל שענער, און עס ווערט תיכף אנגענומען. "במה דברים אמורים, ביחיד", דאס איז געזאגט געווארן וועגן יעדן יחיד[מ].

**שרייבט** דער "ערוך לנר" (ר"ה יח.), לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס זענען די יעצטיגע טעג שטארקער ווי אלע אנדערע טעג פונעם יאר? דער מענטש קען דאך שטענדיג מתפלל זיין און מבטל זיין אלע שלעכטע גזירות, ווי די גמרא זאגט (ר"ה טז.) רבי יצחק האט געזאגט, "יפה צעקה לאדם, בין קודם גזר דין, בין לאחר גזר דין". עס איז גוט פאר'ן מענטש צו שרייען צו דעם אויבערשטען, סיי אויב עס איז פאר די גזירה און סיי אויב עס איז נאך די גזירה. ענטפערט דער "ערוך לנר": די עשרת ימי תשובה זענען אנדערש ווי א גאנץ יאר, ווייל דעמאלס פועל'ט אפילו א תפילה פון א יחיד, און זיין דין ווערט אינגאנצן צעריסן[מא].

### בקש רחמים כעני בפתח - אלעס הייבט זיך אן פונדאסנייי

**דער** רמב"ם ז"ל שרייבט (פירוש המשניות, ר"ה פ"ד) אז ראש השנה און יום כיפור זענען טעג פון עבודה און הכנעה[מב], פחד און מורא פון דעם באשעפער,

---

- גוט, כ'וועל נאכגעבן דיין פארלאנג און באשטימען אן אנדערן אלס דיין קאמאנדיר. **אבער דו נאר איינער! פארוואס האסטו נישט געבעטן צו ווערן אליין א קאמאנדיר?!**

האט דער ראפשיצער רב אויסגעפירט: דאס זעלבע זאגט מען צו אונז, **דער אויבערשטער האט אונז געגעבן דעם כח פון תפילה, צו פועל'ן דערמיט גרויסע זאכן, אז עס זאל אונז גוט זיין א גאנץ יאר הבא עלינו לטובה, מיר טארן אבער נישט זיין ווי יענער נארישער סאלדאט וואס האט געבעטן מ'זאל טוישן זיין קאמאנדיר... מ'זאל נישט אריינלייגן דעם גאנצן כח פון תפילה אין נארישקייטן, נאר יעדער בר דעת זאל מסדר זיין די תפילה וואס ער בעט, פאר א "שנה טובה ומתוקה" אין אלע זיינע ענינים...**

**מ.** ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח פון יעדן יחיד צו צורייסן די טויערן פון הימל מיט זיין תפילה, קען מען זעהן פון דעם וואס עס ברענגט דער "אליה רבא" (סי' תקפ"א, בא"ז סק"ו), אז עס שטייט אין ספר "מנהגים", אז כאטש א גאנץ יאר טאר א יחיד נישט זאגן די י"ג מידות של רחמים דרך תפילה ובקשה, אבער די ערשת ימי תשובה זענען אנדערש, און מ'קען עס זאגן אויך ביחידות. און כאטש להלכה ווערט נישט גע'פסק'ענט אזוי, אבער על כל פנים, לערנען מיר פון זיינע ווערטער, אז **דער יחיד האט דעם זעלבן כח ווי דער ציבור, אין די עשרת ימי תשובה.**

**מא.** אין דער ישיבה אין גייטסהעד, האט פאר דרייסיג יאר צוריק פאסירט א מורא'דיגע מעשה. יענעם יאר איז ליידער נפטר געווארן א יונגער בחור פון דער ישיבה. ממילא, איז דאס קומענדיגע יאר, ביי "ונתנה תוקף" אין די הייליגע טעג, געווען גאר א גרויסע התעוררות צווישן אלע ישיבה בחורים, און ווען מ'איז אנגעקומען צו די ווערטער, "ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה", זענען די קולות אין ישיבה געווען "עד לב השמים".

אויך דער בעל תפילה, הגה"צ רבי מתתיהו סאלאמאן זצ"ל, וועלכער איז דאן געווען משגיח אין דער ישיבה אין גייטסהעד, האט געשריגן הויך אויפ'ן קול: "ותשובה ותפלה וצדקה...", ביז עס האט אראפגערינען בלוט פון זיין האלדז אויף דעם מחזור וואס איז געלעגן פאר איהם אויפ'ן עמוד, און די ווערטער **"רוע הגזירה"** זענען אויסגעמעקט געווארן פון מחזור... און וואונדער איבער וואונדער, דער "רוע הגזירה" איז טאקע אפגעמעקט געווארן, און במשך פון גאנצן יאר האט מען נישט געהערט א שלעכטע בשורה ח"ו אין שטאט. אין גאנץ גייטסהעד, איז נישט געווען אפילו איין נפטר ל"ע יענעם יאר.

**מב.** הגה"צ רבי אליהו לאפיאן זצ"ל האט אמאל געהערט דעם בעל תפילה זאגן 'המלך', ביי תפילת שחרית אין די ימים נוראים, און ער האט געשפירט אז דער בעל תפילה האלט זיך פאר א 'יש'. נאכ'ן דאווענען, האט רבי אליהו לאפיאן איהם געפרעגט, פארוואס ער האט נישט געזאגט 'המלך' אזוי ווי עס דארף צו זיין. האט דער בעל תפילה זיך געוואונדערט אויף רבי אליהו'ס פראגע, ווייל ער האט דאך געזאגט 'המלך' הויך אויפ'ן קול, און מיט א געזאנג, אזוי ווי ס'איז איינגעפירט ביי אלע אידן. האט רבי אליהו לאפיאן איהם געזאגט:

- ווען דו האסט געזאגט 'המלך', זענען דארט געווען צוויי קעניגן, ווייל דו אליין ביזט אויך געווען א 'קעניג' פאר זיך, און די גמרא זאגט (חולין ס:) 'אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד'...

ס'איז אַ זמן ווען יעדער איד אַנטלויפט צו דעם אויבערשטען כביכול.

**אַזוי** זאָגט די גמרא (ר"ה טז:) 'כל שנה שרשה בתחילתה מתעשרת בסופה' - יעדעס יאָר וואָס איז 'אָרים' ביים אָנהייב פונעם יאָר, וועט זיין רייך ענדע יאָר[מג].

טייטשט רש"י, אַז די אידן מאַכן זיך אַזוי ווי 'אָרים' אין ראש השנה[מד], צו בעטן תפילות און תחנונים ביי דעם אויבערשטען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי יח, כג) 'תחנונים ידבר רש'[מה]. זעהט מען דאָך אַז ווען מ'קומט אַריין אין די הייליגע טעג, דאַרף יעדער איד שפירן ווי איינער וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט, אַזוי ווי

---

**מג.** איינער פון די גאוני וצדיקי ירושלים האָט דערציילט, אַז זיין טאַטע איז לאַנגע יאָרן געווען דער שליח ציבור אין די ימים נוראים, אין דער ביהמ"ד 'זהרי חמה' אין ירושלים. פאַר ראש השנה שנת תרפ"ה, איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל אַ חשוב'ער איד, און געזאָגט אַז ער וויל דאַווענען פאַר'ן עמוד אין די הייליגע טעג. זיין טאַטע, דער שטענדיגער שליח ציבור, איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל ס'איז איהם געווען שווער אויפצוגעבן זיין לאַנגיאָריגן חזקה צו דאַווענען פאַר'ן עמוד. איז ער אַריבערגעגאַנגען צו דעם מקובל רבי שלמה אלישיב זצ"ל, דער מחבר פון ספר 'לשם שבו ואחלמה', פרעגן וואָס ער זאָל טוהן - צי ער זאָל זיך האַלטן פעסט אַז ער וויל אויך היי יאָר דאַווענען פאַר'ן עמוד, אָדער ער זאָל מוותר זיין, און לאָזן יענעם חשוב'ן אידן פון חוץ לארץ, זיין דער שליח ציבור. האָט דער 'לשם' איהם געזאָגט:

- **ווען עס מאַכט זיך אַן עגמת נפש פאַר דעם יום הדין, איז עס זייער בייהילפיג פאַר דעם מענטש זוכה צו זיין ביי דעם משפט.** ממילא, איז כדאי מוותר צו זיין. אויב עס איז באַשערט פאַר דיר צו דאַווענען פאַר'ן עמוד, וועט עס דיר שוין אונטערקומען ערגעץ אַנדערש...

וכך הוה, מ'האָט איהם מכבד געווען צו דאַווענען אין אַן אַנדערע בכבוד'יגע שול אין ירושלים.

**מד.** הגה"צ רבי חיים פרידלענדער זצ"ל, דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט געשריבן אַ בריוו ערב ראש השנה תשמ"ה, ווען ער איז שוין ליידער געווען נישט געזונט רח"ל, בזה הלשון: מ'מאַכט זיך אַזוי ווי אָרים. אַוודאי מיינט עס נישט אַז מ'מאַכט זיך 'כאילו' מ'איז אָרים, נאָר רבי יצחק (דער בעל המימרא פון דעם מאמר 'כל שנה שרשה בתחילתה מתעשרת בסופה'), וויל אונז זאָגן ווי אַזוי עס דאַרף אויסזעהן אונזער עבודה אין ראש השנה, אַז דער מענטש דאַרף פאַרשטיין און וויסן קלאָר אַז אַלעס וואָס ער וועט דאַרפן האָבן יעדן טאָג אין קומענדיגן נייעם יאָר, ווערט נגזר אויף איהם ראש השנה. דאָס הייסט, **אויף דער מינוט פאַרמאָגט ער גאָרנישט, און ער דאַרף באַקומען פונדאַסניי.**

וועט דער מענטש זאָגן, דער איד האָט ברוך השם, אַ קביעות'דיגע פרנסה. ער האָט אויך געלט וואָס ער האָט אָוועקגעלייגט אויף אַ זיכערן אָרט. ער האָט כשרונות און גוטע פריינט, אַ משפחה און אַ שטוב און אַזוי ווייטער, ווי אַזוי קען אַזאַ איינער זיך אַוועקשטעלן ראש השנה פאַר דעם אויבערשטען, אַזוי ווי אַן אָרימאַן וואָס פאַרמאָגט ממש גאָרנישט?

איז דער תירוץ, אַז דער מענטש דאַרף וויסן אַז אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט איז נאָר מיט'ן רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. אַזוי פיל וויפיל דער אויבערשטער וויל, אַזוי פיל פאַרמאָגט ער. אויב עס וועט חלילה נישט זיין דער רצון פון דעם אויבערשטען אַז ער זאָל עס האָבן, קען ער אַלעס פאַרלירן אין אַ רגע ח"ו, אָדער אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט, וועט איהם סיי ווי נישט העלפן אין אַ מצב פון אַן אומגליק אָדער אַ מחלה רח"ל.

אין ראש השנה ווערט נגזר אויף יעדן מענטש, אויף יעדן טאָג פון קומענדיגן יאָר, וואָס ער זאָל האָבן, און ווי ווייט ער זאָל קענען אויסנוצן און געניסן פון דעם וואָס ער האָט, און וויפיל עס וועט איהם העלפן. ממילא, דאַרף דער מענטש זיך יעצט שוין אָנקוקן ווי ער שטייט פאַר די כסא הדין אַזוי ווי אַן אָרימאַן וואָס פאַרמאָגט ממש גאָרנישט. ער און אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט, איז אָנגעוויזן אויף די חסדים פון דעם אויבערשטען.

**מה.** מיר ווייסן פון אַ יונגערמאַן וואָס האָט פאַר ראש השנה באַקומען אַ גרויסע ירושה, אַ סכום געלט פון וועלכן ער זאָל קענען חתונה מאַכן בהרחבה אַלע זיינע קינדער. שפּעטער האָט ער געזאָגט: 'כ'בין אַריין אין ראש השנה שפּירנדיג אַז איך בין 'מסודר'... ממילא, זענען מיינע תפילות נישט געווען פון טיפן האַרצן...'. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט בכלל נישט געהאַט אַזאַ גוט יאָר.

דער פייטן זאָגט (שחרית ליום ב׳ דראש השנה) ׳אתיתי לחננך בלב קרוע ומורתח, בקש רחמים בעני בפתח׳. אויך זאָגן מיר אין די סליחות, ׳כדלים וכרשים דפקנו דלתיך׳[מו].

**אויך** זאָגט די גמרא (ר״ה כו:) אַז ס׳איז אַ מצוה צו בלאָזן מיט אַן איינגעבויגענעם שופר פון אַ ׳ווידער׳[מז], ווייל ׳כמה דכייף איניש דעתיה טפי מעלי׳

---

**מו.** דער בריסקער רב הגרי״ז זצ״ל האָט זיך געפירט צו **זאָגן אַסאַך תהלים במשךביידע טעג ראש השנה**, ערקלערנדיג, אַז אין דעם טאָג, איז יעדער מענטש גלייך ווי איינער וואָס אַלע זיינע פאַרמעגנס זענען געגאַנגען לטמיון רח״ל. דאָס מיינט, אַז אויך איינער וואָס איז ביז יעצט געווען מסודר מיט זיין פרנסה, די משפחה איז, ברוך השם, געזונט, און אַזוי אַנדערע באַדערפענישן, אָבער יעצט, הענגט אַלעס אויף אַ האָר. מ׳לייגט איהם צוריק אַרויף אויפ׳ן וואָגשאָל. עס ווענדעט זיך נאָר אין איהם, ווי אַזוי ער זאָל מכריע זיין דעם משפט. ממילא, דאַרף מען אַסאַך מתפלל זיין, בעטן דעם אויבערשטען ער זאָל איהם געבן אַ גוט געבענטשט יאָר.

דאָס איז בפשטות די כוונה פון די תפילה ׳כדלים וכרשים דפקנו דלתיך׳. **מיר זענען אָרים פשוטו כמשמעו, אויך בגשמיות, ווייל אין די יעצטיגע סעקונדע שטייט דער מענטש ממש ׳בעירום ובחוסר כל׳ כפשוטו.**

דער בריסקער רב האָט צוגעגעבן, אַז צוליב דעם זאָגט ער ראש השנה מער תהלים ווי צו לערנען זיינע קביעות׳דיגע שיעורים, ווייל ווען ער לערנט, ווערן ביי איהם נתעורר פאַרשידענע קשיות און הערות אין דעם ענין וואָס ער לערנט, און ער דאַרף כסדר נאָכקוקן אין ספרים, צו געפינען אַ תירוץ אויף זיינע קשיות. צומאָל קען ער דורך דעם אַפילו פאַרברענגען אַן איבעריגע סעקונדע ביים זוכן. צוליב דעם זאָגט ער ענדערש תהלים, ווייל אַזוי קען ער אויסנוצן יעדע מינוט בתכלית השלימות.

**מז.** הרה״ק רבי שלום שכנא פון פּראָבישט זי״ע (דער פאָטער פון הייליגן רוזינער זי״ע), האָט איין יאָר ערב ראש השנה, אַלס יונגערמאַן, ווען ער האָט געדאַוונט אין טשערנאָביל ביי זיין עלטער-שווער, הרה״ק רבי נחום טשערנאָבילער זי״ע, האָט ער ביי די תפילה פון מנחה ערב ראש השנה [וואָס די מקובלים שרייבן (זעה ׳בן איש חי׳ פרשת נצבים, דיני ראש השנה, אות ב׳) שרייבן, אַז מ׳דאַרף גאָר שטאַרק אין זינען האָבן, ביי תפילת מנחה ערב ראש השנה, ווייל איז די לעצטע תפילה פונעם יאָר, און דורך די דאָזיגע תפילה, טוט מען אויפהייבן אַלע אַנדערע תפילות וואָס מ׳האָט נישט מתפלל געווען ריכטיג], געשפּירט אַ בחינה פון ׳קטנות המוחין׳, און ער האָט נישט געקענט אין זינען האָבן געהעריג ביים דאַווענען. ער איז אָבער נישט געוואָרן צובראָכן ביי זיך, און האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות, און געדאַוונט ׳פשוט׳, אין זינען האָבנדיג ׳פירוש המילות׳.

נאָכ׳ן דאַווענען, האָט זיין עלטער-שווער, דער ׳מאור עינים׳ זי״ע, געזאָגט צו רבי שלום שכנא:

- זאָג מיר נאָר וואָס פאַראַ כוונות האָסטו היינט מכוון געווען ביים דאַווענען, ווייל אַדאַנק דיין תפילה, האָבן אַסאַך טויזנטער נשמות באַקומען זייער תיקון, ווייל **אַן ׳עבודה׳ וואָס קומט אַן שווער, און דער מענטש שטאַרקט זיך מיט אַלע כוחות, איז פיל חשוב׳ער פאַר דעם כסא הכבוד, ווי דעמאָלס ווען אַלעס גייט ׳גלאַטיג׳.**

הרה״ק בעל ׳דברי שמואל׳ מ׳סלאָנים זי״ע, טייטשט דעם נוסח התפילה וואָס מיר זאָגן אין די הייליגע טעג, ׳לצופה נסתרות ביום דין׳. אַסאַך אידן גרייט זיך צו ראש השנה מיט אַ שטאַרקע הכנה, אָבער ווען עס קומט אָן דער יום הדין, פּאַסירט אַמאָל אַז זיי שפּירן נישט אַ התלהבות און התעוררות ביים דאַווענען. און נישט נאָר דאָס, נאָר ער זעהט זיין חבר וואָס האָט זיך אינגאַנצן נישט צוגעגרייט פריער, אָבער ראש השנה דאַווענט ער מיט התלהבות, ער שפּירט אַ גרויסע התעוררות. זאָל ער נישט ווערן צובראָכן ביי זיך, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה אַז **דער אויבערשטער איז אַ ׳צופה נסתרות׳**. ער זעהט אַלע באַהעלטענישן פון האַרץ, אַלעס איז אַנטפּלעקט פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. דער אויבערשטער ווייסט זיינע ווייטאָגן און יסורים. ער ווייסט גענוי וואָס פאַר אַ הכנות דער מענטש האָט געמאַכט צום יום טוב.

מ׳דערציילט, אַן אָרימאַן איז פרייטאָג אַריינגעקומען צו אַ קצב אין געשעפט, און איהם געבעטן ער זאָל רחמנות האָבן אויף איהם, און איהם שענקען אַ שטיקל פלייש אויף שבת, כדי ער און זיין משפחה זאָלן אויך קענען מקיים זיין די מצוה פון עונג שבת. דער קצב האָט זיך טאַקע דערבאַרימט אויף איהם, און איהם געגעבן אַ שטיקל פונעם קאָפּ פון די בהמה, און אויך אַ שטיקל פונעם האַרץ, ווייל אויף די שטיקלעך פלייש זענען נישט דאָ צופיל קונים. ס׳איז נישט אַזוי לייכט צו עסן דערפון.

- וואָס מער דער מענטש טוט זיך האַלטן קליין, איז בעסער, ווייל די הכנעה פאַר דעם אויבערשטען איז מעורר אין הימל אויף דעם מענטש אַסאַך רחמים[מח].

**דאָס** איז אויך מרומז אין דעם אופן ווי אַזוי מ'בלאָזט שופר, מ'דאַרף בלאָזן אויף די קורצע און ענגע זייט, כדי צו לערנען דעם מענטש, ער זאָל זיך שפירן אונטערטעניג, און אַז ער איז אין אַן 'ענגשאַפט', ווען נישט וואָס דער אויבערשטער שטייט אידם שטענדיג צו-הילף, און דורך דעם וועט אידם ווערן 'ברייטער' מצב.

**בספר פרנסה וכלכלה - דער חיוב און זכות מתפלל צו זיין אויף פרנסה**

**צווישן** די זאכן וועלכע ווערן פאַרשריבן ראש השנה אינעם ספר, איז די פונקליכע פרנסה און שפייז פאַר יעדע באַשעפעניש אויף דער וועלט (ביצה טז.), ממילא איז עס די צייט מתפלל צו זיין און בעטן פון דעם אויבערשטען: 'אבינו מלכינו כתבינו בספר פרנסה וכלכלה', און אַזוי אויך אַלע אַנדערע געברויכן...

**וזעט** עמיצער קומען און פרעגן, דער זוהר הקדוש זאָגט דאָך ('תיקוני זוהר', כב.) אַז דער וואָס בעט פרנסה, איז אַזוי ווי אַ הונט וואָס שרייט 'געב, געב'... האָט שוין געזאָגט אויף דעם דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע ('בעל שם טוב' על התורה, ליקוטים לראש השנה ויום הכיפורים, כד), אַז די ווערטער פון זוהר הקדוש זענען נישט געזאָגט געוואָרן אויף די היינטיגע צייטן[מט], ווייל היינט, אויב עס פעלט ח"ו פאַר דעם מענטש פרנסה, שטערט עס אידם צו דינען דעם אויבערשטען מיט ישוב הדעת, און ממילא, מעג מען, און מ'איז אַפילו מחויב[נ] מתפלל צו זיין אויף פרנסה[נא].

---

דאָס האָט זיך אַזוי איבער'געחזר'ט מדי שבוע בשבוע. יעדן פרייטאָג איז דער אָרימאַן געקומען, און דער קצב האָט אידם געגעבן פון די צוויי ערטער פון די בהמה. איין וואָך, ווען דער אָרימאַן איז געקומען, האָט דער קצב אידם געזאָגט אַז דאָס פלייש האָט זיך אויסגעלאָזט. האָט דער אָרימאַן זיך צעוויינט זאָגנדיג: **וואָס האָב איך דען שוין געבעטן, אַביסעלע קאָפּ, און אַביסעלע האַרץ...**

דאָס זעלבע בעטן מיר ביי דעם באַשעפער: **רבונו של עולם, גיב אונז אַביסל קאָפּ און אַביסל האַרץ. דערלייכט אונזערע אויגן און עפן אונזערע הערצער, אַז מיר זאָלן קענען שפירן די קדושה פון דעם גרויסן און הייליגן טאָג.**

אויך איז אַוודאי אין פלאַץ צו זאָגן די 'תפילה קודם התפילה', וואָס דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע האָט מתקן געווען צו זאָגן פאַר'ן דאַווענען, 'והכן לבבינו'... אָבער אויב מ'האָט געהאַט אַ נסיון, זאָל מען נישט ווערן בעצבות ח"ו. מ'דאַרף וויסן אַז אַ תפילה וואָס קומט אָן שווער, און מ'דאַרף האָרעווען דערויף, איז זייער חשוב אויבן אין הימל.

דאָס איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן פאַר די 'בית יעקב אלו הנשים', וועלכע זענען, ברוך השם, מטופל מיט די קליינע קינדער אין שטוב, און זיי פאַרזיכערן דעם המשך און דעם קיום פון כלל ישראל. צוליב דעם קענען זיי נישט קומען אין שול דאַווענען אין די ימים נוראים, און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ צוזאַמען מיט רבבות אלפי ישראל. טאָרן זיי אָבער נישט זיין בעצבות ח"ו, צו טראַכטן אַז זיי האָבן נישט זוכה געווען מתפלל צו זיין צום באַשעפער.

הגה"צ רבי לייבל לאַפּיאַן זצ"ל האָט געזאָגט: מיין טאַטע, הגה"צ רבי אליהו לאַפּיאַן זצ"ל, האָט געזאָגט אַז **ער האָט בקבלה, אַז די פרויען וואָס געפינען זיך אינדערהיים אין די הייליגע טעג און זיי גיבן זיך אָפּ מיט זייערע קליינע קינדער, דאַרפן נישט אָנקומען צו אַלע תפילות, און צו דעם גאַנצן מצב וואָס הערשט אין שול, אַז זייערע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן אין הימל, ווייל עס איז דאָ אַ ספּעציעלער 'צינור' וואָס פירט אַרויף זייערע תפילות צום כסא הכבוד.** מיט די געציילטע ווערטער וואָס זיי האָבן די מעגליכקייט מתפלל צו זיין, דערנענטערן זיי זיך צום כסא הכבוד, פונקט אַזוי ווי דער גאַנצער ציבור וואָס שטייט לאַנגע שטונדן אין ביהמ"ד און איז ממליך דעם גרויסן הייליגן קעניג.

**מח.** אין כלל פון הכנעה איז, **אָנצונעמען מיט ליבשאַפט אַלעס וואָס מ'גייט אַריבער.** ממילא, טאָר דער מענטש זיך נישט מתרעם זיין אויף פאַרשידענע שטרויכלונגען וואָס ער האָט געהאַט יענעם טאָג. צום ביישפיל, ער האָט געפּלאַנט צו דאַווענען אין אַ געוויסע שול, אָבער צוליב אַ סיבה, איז ער געווען געצוואונגען צו דאַווענען ערגעץ אַנדערש. אַזוי זענען דאָ הונדערטער דוגמאות וואָס דער שטן - דער יצר הרע - וויל דורך דעם אַריינברענגען עצבות אין דעם מענטש צוליב קלייניגקייטן. **אויב דער מענטש האָט שכל, שטאַרקט ער זיך נישט נאָכצוגעשלעפּט צו ווערן נאָך דעם יצר הרע, נאָר ער איז שטענדיג בשמחה.** מ'דאַרף וויסן אַז אדרבה, אַלע 'שטרויכלונגען' זענען מליצי יושר פאַר דעם מענטש, אויב ער איז זיך מכניע עס אָנצונעמען רואיג, מיט אַ שלוות הנפש.

**מט.** הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט געזאָגט די ערשטע נאַכט ראש השנה שנת תש"ט (דאָס ערשטע יאָר זינט ער האָט איבערגענומען די הנהגה, נאָך די הסתלקות פון זיין גרויסן טאטן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע), ווי פאָלגענד: **דער זיידע, דער** 'חידושי הרי"ם' זי"ע, האָט בשעתו געזאָגט, אַז דעם ערשטן טאָג ראש השנה זאָל מען נישט מתפלל זיין אויף גשמיות'דיגע באַדערפענישן, נאָר אויף מלכות שמים און אויף 'אידישקייט'. נאָר אין צווייטן טאָג קען מען בעטן אויף פרנסה און אַנדערע גשמיות'דיגע געברויכן.

האָט דער 'בית ישראל' צוגעגעבן צו די ווערטער פון זיין זיידן דעם 'חידושי הרי"ם', ביידע טעג ראש השנה ווערן דאָך גערעכנט ווי אַ 'יומא אריכתא' (איין לאַנגער טאָג), און האָבן איין קדושה. באמת, האָבן אויך אידישקייט און פרנסה 'איין קדושה', ווייל איינס ווענדעט זיך אין אַנדערן, ווייל כדי מ'זאָל קענען דינען דעם אויבערשטען מיט תורה און תפילה, און ערציען ערליכע אידישע דורות, דאַרף מען האָבן אַ שפע פון פרנסה בכבוד, און ממילא, **קען מען בעטן אויף פרנסה אויך אין ערשטן טאָג ראש השנה.** (ספר 'פאר ישראל', ח"א, ע' רצג)

**מן הבאר**

הרב החסיד רבי יוסף וויינבערג ז"ל פון ירושלים, איז געווען אַ גרויסער עושר. אַמאָל איז געווען אַ שווערער מצב אין פרנסה און די סוחרים אין ירושלים זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און פול מיט דאגות, ווייל זייער גאַנצער עתיד האָט 'געהאָנגען' אויף דעם ווי אַזוי דער דאָזיגער קריזיס וועט זיך ענדיגן... רבי יוסף איז אָבער געווען רואיג, זיך נישט קימערנדיג איבער דעם מצב. ער איז געווען פול מיט אמונה אַז דער אויבערשטער וועט העלפן, און דער פינאַנציעלער מצב וועט זיך טוישן צום גוטן.

אין אַ טאָג, איז ער געפאָרן קיין טבריא, און ער האָט דאָרט באַגעגנט דעם שפעטערדיגן סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' זי"ע, וועלכער האָט דעמאָלס נאָך געוואוינט אין טבריא, און דער 'ברכת אברהם' האָט - זעהענדיג זיין רואיגקייט - איהם געפרעגט ווי אַזוי ער האָט געהאַט די כוחות הנפש איבערצולאָזן זיין הויז און זיינע געשעפטן אין אַזאַ צייט, ווען אַלעס 'הענגט' אויף אַ האָר. האָט רבי יוסף געענטפערט: **'מיין יריד איז ראש השנה'.**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ראש השנה איז די צייט ווען מ'קען טוישן דאָס וואס ס'איז באַשערט פאַר'ן מענטש. דאָס געלט וואס אַ מענטש פאַרדינט דורכ'ן יאָר, איז נישט מער ווי אַן 'אַנטפלעקונג' וויפיל פרנסה מ'האָט פאַר איהם באַשטימט אין ראש השנה...

זינט דאַן, פלעגט דער 'ברכת אברהם' אַסאַך מאָל איבער'חזר'ן די ווערטער פון רבי יאָסל וויינבערג: מיין יריד איז ראש השנה... מיין יריד איז ראש השנה...

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע, אַז זיין רבי, הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע פלעגט מקפיד זיין אויב מ'האָט אַריינגעשריבן אין 'קוויטל' אין די ימים נוראים בקשות אויף פרנסה, זאָגנדיג, ווי אַזוי קען אַ מענטש טראַכטן אין אַזאַ צייט וועגן גשמיות'דיגע געברויכן, ווען מ'דאַרף טראַכטן ווי אַזוי מ'קען זיך איבערבעטן מיט'ן באַשעפער כביכול.

פונדעסטוועגן, האָט דער קאָברינער געזאָגט, אַז, **ווען אַ איד בעט היינטיגע צייטן אויף פרנסה, בעט ער אויף טהרת הנפש**, ווייל דער תוכן פון זיין רצון איז דאָך צו האָבן אַ קלאָרן דעת צו דאַווענען פאַר'ן אויבערשטען, אָדער צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים מיט אַ קלאָרן קאָפּ, אָדער צו לערנען, מכבד צו זיין דעם שבת, צאָהלן שכר לימוד, און אַזוי ווייטער - אַלעס איז פאַר'ן באַנוץ צו עבודת השם.

הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'שיח שרפי קודש'), אויף די ווערטער פון חז"ל (ר"ה טז:) אַז מ'בלאָזט זיצנדיג, און דערנאָך בלאָזט מען שטייענדיג, כדי דער שטן זאָל ווערן צעטומלט. האָט געזאָגט דער רבי ר' בונם, ווייל דער הויפּט-תירוץ פונעם מענטש פאַרוואָס ער האָט נישט געדינט דעם אויבערשטען ווי ס'דאַרף צו זיין, איז צוליב די טירדות פון פרנסה, וואָס דאָס שטערט איהם אַז ער זאָל נישט האָבן אַ קלאָרן קאָפּ צום לערנען און צום דאַווענען. טענה'ט אָבער דער שטן, אַז דאָס איז נישט קיין תירוץ, ווייל דו האָסט געדאַרפט דינען דעם אויבערשטען, און נישט קוקן אויף די טירדות פון פרנסה. וועגן דעם טעם, בלאָזט מען שופר, און דער שטן ווערט צעטומלט (און דאַן קען ער נישט מקטרג זיין), זעהט דאָך דער שטן אַז די **'צעטומלעניש' איז באמת**

**ענליך** ווערט געברענגט אין ספר 'אמרי פנחס' (אות תפה) אין נאָמען פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט 'שוטים רעדן זיך איין אַז 'צווחין ככלבים הב הב', און דעריבער זענען זיי נישט מתפלל ראש השנה און יום כיפור אויף פרנסה. דאָס האָבן זיי ניט, און דאָס בעטן זיי ניט, עכ"ל (דאָס הייסט, זיי בלייבן 'אויסגעשפּילט' פוןביידע זייטן, זיי זענען נישט אין די מדריגה נישט צו בעטן אויף פרנסה, און וויבאַלד זיי בעטן נישט, זענען זיי נישט זוכה צו פרנסה).

**אויך** ווערט דאָרט געברענגט (אות תפד), אַז איינמאָל האָט הרה"ק רבי פנחס'ל זי"ע געהייסן זאָגן 'פרשת המן' די גאַנצע עשרת ימי תשובה, און אַסאַך מאָל האָב איך געהערט ווי ער זאָגט אָן אַז מ'זאָל מתפלל זיין אויף די פרנסה און אַנדערע הצטרכות'ן, און צו גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט אַוודאי ערפילן זיין בקשה, און עס איז אַ גרויסע מצוה[נג].

**אַנדערע** קומען מיט אַ טענה, ווי אַזוי קענען מיר מתפלל זיין אויף בני חיי ומזוני, דער באַשעפער איז דאָך 'מלך קל רם ונישא', און ווי קען מען רעדן מיט איהם וועגן ברויט... זייער טענה איז שוין אָבער אָפּגעפרעגט געוואָרן דורך הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע, וועלכער האָט געזאָגט ('כנסת דוד', ערך 'הזן את הכל'), יאָ אַ גוטער תירוץ פאַר דעם מענטש פאַרוואָס ער האָט נישט גענוג געדינט דעם באַשעפער, און אויב ער האָט טירדות, קען ער נישט טוהן זיין אַרבעט בשלימות.

ענליך שרייבט הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע ('שמועות יצחק', שבת שובה, אות ו), און ער איז מוסיף, אַז דעמאָלס זאָגט דער מלאך מיכאל צו דעם שטן, זעה נאָר, פון איין 'בלאָז' מיט'ן שופר ווערסטו שוין דערשראָקן, אויב אַזוי, ווי אַזוי וואַגסטו מקטרג צו זיין אויף מענטשן? דו ביזט דאָך אַ מלאך, און פונדעסטוועגן ביזטו געוואָרן דערשראָקן און צעטומלט, נו וואָס זאָל שוין טוהן אַ מענטש, אַ 'קרוץ מחומר', ווען די טירדות זענען איהם מבלבל פון עבודת השם.

**נ.** אַנדערע זאָגן בדרך מליצה, אַז אדרבה, אויב דער מענטש בעט נאָר אויף רוחניות (אויך דורכ'ן גאַנצן יאָר), זעהט ער אויס ח"ו ווי אַ 'כופר במקצת', ווייל עס איז ווי ער וואָלט געזאָגט, כדי צו שטייגן ברוחניות, דאַרף איך האָבן סייעתא דשמיא, און ממילא, וועל איך מתפלל זיין דערויף, אָבער ביי די גשמיות'דיגע ענינים 'קען איך מיר אַליין אַן עצה געבן'...

אַזוי ווערט געברענגט אין ספר 'כוכבי אור' (ע' רסב), אין נאָמען פון דעם גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, און ענליך שטייט אין ספר 'מעשה איש' (ח"ג, ע' קנז), אַז דער 'חזון איש' זצ"ל האָט געזאָגט, אַז **ראש השנה איז געגעבן געוואָרן צו בעטן אויך אויף די גשמיות'דיגע באַדערפענישן פונעם מענטש.**

**נא.** אדרבה, דאָס איז דער עיקר פון די תפילות, ווי הרה"ק מהר"ש מליובאַוויטש זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'ליקוטי דיבורים', פון זיין אייניקל הרה"ק רבי יוסף יצחק מליובאַוויטש זי"ע, ח"ד, ע' תשכ), אַז דער קרעכץ און דאָס געוויין אין ראש השנה אויפ'ן גשמיות'דיגן מצב, איז אין גדר פון 'תשובה עילאה'.

**נב.** אַ גרופּע חסידים זענען אַמאָל געקומען צו הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע אויף ראש השנה. זיי זענען געווען אָנוועזנד אין ביהמ"ד ביים רבי'ן, אָבער די יום טוב'דיגע סעודות האָבן זיי געגעסן ערגעץ אַנדערש. ווען דער הייליגער סטאָלינער זי"ע האָט געזעהן אַז די חסידים זענען נישט געבליבן ביי איהם ביי די סעודות, האָט ער זיך אָנגערופן ווערטל'דיג:

**-די חסידים זענען דאָ מתפלל אויף פרנסה, אָבער עסן, עסן זיי ערגעץ אַנדערש...**

איינער פון די חסידים וועלכע איז געווען אָנוועזנד ביים רבינ'ס טיש, הרה"ח רבי נתנאל ראַדזינער ז"ל (אַ זיידע פון הרה"ח רבי נתנאל ראַדזינער ז"ל פון בני ברק, וועלכער האָט אויפגעשטעלט דעם בית המדרש לתורה ולתפילה 'אש קודש'), **און ער האָט** געטראַכט ביי זיך, דער זוהר הקדוש זאָגט דאָך אַ מ'זאָל נישט בעטן ראש השנה אויף פרנסה, אויב אַזוי, וואָס האָט דער רבי יעצט געזאָגט אַז די חסידים האָבן דאָ מתפלל געווען אויף פרנסה...

שפּעטער, ווען רבי נתנאל איז אַריבערגעגאַנגען פאַר'ן רבי'ן צו זאָגן גוט יום טוב און זיך ווינטשן אַ גוט יאָר, האָט דער סטאָלינער זי"ע איהם געזאָגט:

**- דאָס וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט אַז מ'טאָר נישט מתפלל זיין אויף פרנסה, איז נאָר געזאָגט געוואָרן פאַר אַ מענטש וואָס האָט פרנסה און בעט נאָך פרנסה, אָבער איינער וואָס האָט אינגאַנצן נישט קיין פרנסה, מעג ער מתפלל זיין דערויף אין ראש השנה...**

אַ כוונה אין דעם נוסח התפילה 'קדוש אתה ונורא שמך'. דער אויבערשטער איז דאָך הייליג און פאָרכטיג, און אויב אַזוי, ווי אַזוי קען מען איהם בעטן אַ 'קויליטש' (חלה) און אַנדערע ענינים פון פרנסה? אויף דעם זאָגן מיר, 'ואין אלו-ה מבלעדיך', ווייל מיר האָבן נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, נאָר צו דעם אויבערשטען, וואָס ער שפּייזט די גאַנצע וועלט. פון וועמען זאָלן מיר בעטן, אויב נישט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**כי תצא למלחמה - התעוררות פאַר תקיעת שופר**

די ספרים הקדושים רעדן אַרום באַריכות וועגן דעם זמן איידער מ'גייט בלאָזן שופר, ווען מ'גייט אַרויס אין די מלחמה[נג], צו צעטומלען דעם שטן און ממתיק זיין אַלע דינים, און איבערדרייען זיי צו רחמים גמורים, אכי"ר. עס כאפּט דאן א פחד און א ציטער[נד] פון דעם דין[נה], ווי מיר זאָגן אינעם פּיוט 'ונתנה תוקף', 'ובשופר גדול יתקע, וקול דממה דקה ישמע, ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון, ויאמרו הנה יום הדין לפקוד על צבא מרום בדין כי לא יזכו בעיניך בדין, וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון'.

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע (יערות דבש', דרוש יד) לאמיר זיך מתבונן זיין און זעהן ווי פאָרכטיג ס'איז דער טאָג פון דעם אויבערשטען, ווען עס ברענט אַ פייער אַרום און אַרום, און ביז תקיעות שופר ברענען פייערדיגע קוילן טויזנטער און טויזנטער פּרסאות, און דערפאַר טוהען אַפילו די מלאכים אין הימל ציטערן, ווייל מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן ווי גרויס ס'איז דער פייער ביז עס קומט אָן דער שופר.

**ממילא**, איז עס די צייט צו תשובה טוהן מיט א אמת פאַר דעם באַשעפער, און אויך איינער וואָס האָט נאָך ביז יעצט נישט געשפּירט אַ 'התעוררות', זאָל

---

ער האָט צוגעגעבן, אַז מיט דעם איז שוין גוט פאַרשטענדליך דאָס לשון פון זוהר הקדוש 'צווחין ככלבין הב הב'. דער זוהר זאָגט צוויי מאָל, 'הב הב', ווייל דאָס גייט אַרויף אויף די מענטשן וואָס האָבן פּרנסה, נאָר זיי ווילן האָבן 'מער' ווי דאָס וואָס זיי האָבן שוין באַקומען, אָבער איינער וואָס האָט נישט - און ער פאַרשטייט אויך זיך צו באַטראַכטן אין ראש השנה ווי אַן 'אָרימאַן' - און ער ווייסט אָבער אַז ראש השנה פאַנגט זיך אָן אַ נייער חשבון, און עס איז גלייך ווי ער פאַרמאָגט נאָך גאָרנישט, אַזאַ איינער מעג בעטן אויף פּרנסה.

**נג.** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט אַז לויט זיין מיינונג, זאָל דער בעל תוקע זאָגן פאַר די תקיעות, קאַפּיטל קמ"ד פון תהלים, ווייל דאָרט זאָגט מען (פסוק א) 'המלמד ידי לקרב אצבעותי למלחמה', ווייל עס איז אַ גרויסע מלחמה וואָס מיר פירן אין דעם טאָג, און מ'דאַרף פריער מתפלל זיין דערויף, און קאַפּיטל קמ"ד איז מסוגל אויב מען זאָגט עס בכוונה. (הגהות 'חכמת שלמה', סי' תקפה, ס"ב)

**נד.** אַמאָל ווען דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האָט געדאַרפט איינעם זאָגן מוסר אינמיטן ווינטער, האָט ער איהם צוגערופן און איהם געזאָגט: **ווי אַזוי האָסטו נישט מורא, עס וועט דאָך שוין באַלד קומען דער זמן פון פאַר תקיעת שופר...**

מיר האָבן שוין אָבער געזאָגט, אַז די פחד און התעוררות צו תשובה איז נישט קיין סתירה צו שמחה, ווי עס שרייבט דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל (ביים סוף פון סידור הגר"א, 'כתר ראש', אות קד), אַז זיין רבי, **דער ווילנער גאון זי"ע, איז געווען גאר פרייליך איידער ער איז צוגעגאַנגען צו תקיעת שופר.**

דער 'לבוש' זאָגט (סי' תקפד, ס"ב) אויף דעם וואָס די פּוסקים שרייבן אַז מ'פירט זיך אַז דער בעל תוקע איז עולה צו די תורה אין ראש השנה, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ט) 'פקודי ה' ישרים משמחי לב', און אַזוי קען מען בלאָזן תקיעת שופר מתוך שמחה וחדוה.

די ספרים זאָגן אַ רמז, שופ"ר איז ראשי תיבות **ש**'חוק **פ**'ינו **ו**'לשונינו **ר**'ינה (תהלים קכו, ב), אַ רמז אַז מ'דאַרף בלאָזן שופר מתוך שמחה.

**נה.** דאָס איז דער טעם פאַר דעם וואָס די ספרים הקדושים שרייבן אַז **מ'זאָל נישט זאָגן 'וידוי' פאַר די תקיעות, כדי נישט צו דערמאנען די חטאים ח"ו, און נישט צו געבן פאַר דעם שטן אַן אָרט מקטרג צו זיין ח"ו, אין אַזאַ מורא'דיגן זמן** (די גאַנצע 'שקלא וטריא' אין די פוסקים וועגן זאָגן 'וידוי' שטילערהייט, און אין געדאַנק, איז נאָר געזאָגט געוואָרן צווישן די תקיעות, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין אָנגעהויבן צו בלאָזן, ווייל דער שופר האָט דאָך שוין אָנגעהויבן אויפטוהן זיינע גוטע פעולות).

ער רחמנות האָבן אויף זיך און זיינע בני בית"ו, און ער זאָל לויפן צו כאַפּן באַצייטנס"ז די גוטע השפּעות.

## מן הבאר

הרה"ק מסאטמאר זי"ע האָט געזאָגט א משל, אַ קעניג האָט פאַרטריבן פון קעניגליכן פּאַלאַץ זיין זון, ווייל ער האָט זיך פאַרזינדיגט קעגן איהם, און טראָץ אַלע וואָרענונגען פונעם טאַטן דעם קעניג, האָט דער זון פאָרגעזעצט מיט זיינע שלעכטע מעשים.

עטליכע יאָר שפּעטער, האָט די קעניגין זיך זייער פאַרבענגט נאָך איר פאַרטריבענעם זון, און זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ וויטן וועג כדי איהם אויפצוזוכן, ביז זי איז אָנגעקומען אין אַ וויטן לאַנד וואו דער זון איז געווען אונטער אַרעסט. פון יענער זייט פונעם טויער, האָט דער זון אויסגעשריגן צו זיין מאמע אַ "זעקה גדולה ומרה", אַז ער ליידט זיך דאָ אָן גרויסע פּייניגונגען. זי זאָל זיך, אַלזאָ, דערבאַרימען אויף איהם, און איהם אַרויסנעמען פון די ביטערע תפיסה. האָט זיין מאמע - די קעניגין - איהם געזאָגט:

- איך וועל דיר אַריבערוואַרפן אַ שליסל, מיט וועלכן דו וועסט קענען עפענען דעם פארשלאסענעם טויער פון דער טורמע...

נאָך דעם ווי דער זון האָט געכאַפּט דעם שליסל וואָס זי האָט איהם געוואָרפן, האָט ער פּרובירט עפענען דעם טויער, אָבער דער טויער האָט זיך נישט געעפענט... ער האָט נאָך אַמאָל פּרובירט עפענען, אָבער ס'איז ווידער נישט געגאַנגען... האָט ער אַרויסגעשריגן דורכ'ן טויער צו זיין מאמע, "איז מעגליך, אַז דו האָסט מיר נישט געגעבן דעם ריכטיגן שליסל?!...". האָט די מאמע איהם געענטפערט:

**- איך בין זיכער אַז דאָס איז דער ריכטיגער שליסל פון דער טורמע... נאָר וואָס דען, אין לויף פון די יאָרן, איז דער שליסל געוואָרן 'פאַרזשאַווערט' און דערפאַר עפענט זיך נישט די טיר מיט'ן שליסל... איך האָב פאַר דיר נאָר איין עצה: פאַרגיס אַ סאַך טרערן אויפ'ן שליסל, און אַזוי וועט דער גאַנצער 'ראָסט' און 'זשאַווער' פאַרשווינדן פון זיך אַליין, און דו וועסט קענען עפענען דעם טויער...**

דער נמשל איז פאַרשטענדליך: מיט אונזערע מעשים, האָבן מיר ליידער גורם געווען אַז דער "שליסל" צו תשובה און מעשים טובים, זאָל "פאַרזשאַווערט" ווערן. **אונזער איינציגע עצה איז, מיר זאָלן פאַרגיסן הייסע טרערן אויפ'ן שליסל, און אַזוי וועט אָפּגעטון ווערן דער גאַנצער "זשאַווער", און אונזערע תפלות וועלן אָנגענומען ווערן פאַר'ן הייליגן באַשעפער, אַז מיר זאָלן קענען אויס'פּועל'ן אַ שנה טובה ומתוקה.**

**נו.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'כתר שם טוב' (אות שלה), אַז איין יאָר פאַר די תקיעות, האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע זיך צעשריגן פון די טיפענישן פון זיין הייליג האַרץ:

**- איר האָט אַהער געברענגט אייערע קליינע קינדער, זאָל יעדער איינער פון אייך זיך מאַכן אַ 'חשבון הנפש', אויב ער האָט געברענגט זיינע קינדער אין שול אַריין, אַזוי ווי אברהם אבינו ע"ה האָט געפירט זיין זון יצחק צו די עקידה, זאָלט איר דעריבער תשובה, און מתפלל זיין פאַר אייערע קינדער.**

דער הייליגער "קדושת לוי" זי"ע האָט אַמאָל, שטייענדיג אויף די בימה פאַר תקיעת שופר, זיך געוואנדן אין דער ריכטונג פון "עזרת נשים", און געזאָגט:

- ערליכע אידישע טעכטער: וואַשט אויס דעם שופר מיט אייערע טרערן, כדי איך זאָל קענען בלאָזן מיט'ן שופר!

**נז.** דאָס איז דער טעם פאַרוואָס ס'איז דער מנהג ישראל תורה, צו זאָגן פאַר די תקיעות, דעם קאַפּיטל 'למנצח לבני קרח מזמור' (תהלים מז), ווייל די קינדער פון קרח זענען דאָך שוין געשטאַנען נאָנט צום שאול תחתיות רח"ל, נאָר אין דער לעצטער מינוט, ממש 'ביים טויער פון גיהנום', האָבן זיי זיך צוריקגעהאַלטן און האָבן תשובה געטוהן צו דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (מגילה יד.) אַז עס איז אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן פאַר זיי אַ ספּעציעלן אָרט אין גיהנום. דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז **יעצט, 'אין די לעצטע מינוט' פאַר תקיעת שופר, קען מען נאָך אַלץ תשובה טוהן..!**

נאָך אַ טעם ווערט געברענגט, אַז ס'איז דאָ אין דעם אַ לימוד זכות אויף אידישע קינדער. די קינדער פון קרח האָבן דאָך תשובה געטוהן ממש **'צום סוף'**, און זייער תשובה איז אָנגענומען געוואָרן, 'ובני קרח לא מתו'. ממילא,

יעדער איינער זאָל נעמען אויף זיך אַ גוטע קבלה פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה[נח], און דאָס וועט איהם ביישטיין ער זאָל זוכה זיין ביים משפט, צו באַקומען אַלע מורא'דיגע גוטע השפעות וואָס קומען דורך דעם שופר, ווי עס שרייבט דער הייליגער מקובל רבי שלום שרעבי זי"ע (׳נהר שלום׳, סדר תפילות ראש השנה ותקיעת שופר) אז די צייט פון די תקיעות איז אַן ׳עת רצון׳, צו האָבן דעמאָלס אמת'דיגע חרטה אויף אַלע עבירות פון פאַרגאַנגענעם יאָר, בכלל ובפרט, און יעדער זאָל דעמאָלס נעמען אויף זיך צו טוהן תשובה אויף אַ חטא וואָס ער ווערט נכשל דערמיט. מ'זאָל נישט פאַרפעלן תשובה צו טוהן אַפילו אויף איין עבירה, לייכטע אָדער האַרבע, ווייל מיט דעם איז מען זוכה צו זיין אַ צדיק און אַ בעל תשובה, און מ'טוט איבערוועגן דערמיט זיך און די גאַנצע וועלט לכף זכות.

**דער** ׳מאירי׳ שרייבט (ר"ה טז:) אַז כאָטש יעדן טאָג איז ראוי פאַר דעם מענטש תשובה צו טוהן, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (אבות פ"ב, מ"י) ׳שוב יום אחד לפני מיתתך׳, אָבער אין ראש השנה, דאַרף דער מענטש נאָך מער נתעורר ווערן. חז"ל האָבן געזאָגט בדרך משל, דריי ספרים ווערן געעפענט אין ראש השנה, אויף די רשעים און אויף די צדיקים, און אויף די בינונים. דאָס הייסט, אַז יעדער מענטש ווערט גע'משפט לויט זיינע מעשים און דעריבער דאַרף תשובה טוהן ווי ווייט מעגליך אויף אַלע עבירות.

---

איז יעצט די צייט אָנצונעמען די תשובה פון אידישע קינדער, אויך איינעם וואָס איז שוין ליידער אָנגעקומען ביז'ן שאול תחתיות...

הרה"צ רבי מרדכי ראַקאָווער זצ"ל, דער באַקאַנטער חסיד און ׳בדחנא דמלכא׳, וועלכער פלעגט משמח זיין מיט ווערטלעך דעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, האָט אַמאָל ראש השנה נאָכ'ן דאַווענען, געזאָגט צום לובלינער:

- היינט האָבן פאַסירט גרויסע ניסים מיט אידישע קינדער...

האָט דער רבי פון לובלינער געפרעגט רבי מרדכי'ן וואָס ער מיינט, האט ער געזאגט:

- אויב מ'וואָלט קובע געווען צו זאָגן פאַר די תקיעות זיבן מאָל קאַפּיטל קי"ט פון תהלים, וואָלטן מיר דאָך נישט אָנגעקומען צו בלאָזן שופר, צוליב דעם אריכות פון דעם קאַפּיטל...

און כאָטש די ווערטער פון רבי מרדכי ראַקאָווער וואָס ער האָט געענטפערט דעם רבי'ן פון לובלין, זעהען אויס ווי סתם אַ ׳ווערטל׳, איז אָבער דאָ אין דעם אַ טיפערע כוונה, ווייל אין דעם קאַפּיטל רעדט דוד המלך ע"ה וועגן די ׳תמימי דרך׳, וואָס דינען דעם אויבערשטען בשלימות: ׳אשרי נוצרי עדותיך׳... ׳בכל לבי דרשתיך׳... ׳ותורתך חנני׳, ׳דבקתי בעדותיך׳, ׳זכרתי משפטיך מעולם׳, ׳חצות לילה אקום׳ ׳טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף׳... ממילא, אויב מ'וואָלט געזאָגט קי"ט פאַר די תקיעות, וואָלטן די מקטרגים חלילה געקענט טענה'ן אַז מ'זאָל איבערקוקן די מעשים פון אידישע קינדער, אויב זיי האָבן מקיים געווען וואָס זיי זאָגן דאָ... און ווער קען דען ביישטיין די האַרבקייט פונעם משפט, דעריבער איז אַ גרויסער ׳נס׳ אַז מ'זאָגט נישט קאַפּיטל קי"ט, נאָר ׳למנצח לבני קרח מזמור׳...

**נח.** אַ חסיד האָט אַמאָל פאַר ראש השנה, זיך מזכיר געווען פאַר'ן בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, אַז ער איז דער ׳בעל תוקע׳ ראש השנה, און ער בעט דעריבער אַז דער רב זאָל איהם אויסלערנען די כוונות פון די תקיעות. האָט דער בעלזער רב איהם געזאָגט:

- **ביי די תקיעות, דאַרף מען אין זינען האָבן ׳רחמנא אמר תקעו׳, דער אויבערשטער האָט געהייסן בלאָזן, נאָר דו דאַרפסט אַ גאַנץ יאָר געדענקען אַז דו ביזט דער ׳בעל תוקע׳...**

דאָס איז באמת געזאָגט געוואָרן נישט נאָר פאַר יענעם בעלזער חסיד דער בעל תוקע, נאָר פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז מ'דאַרף אַ גאַנץ יאָר געדענקען די ימי הדין.

מ'קען דאָס מרמז זיין אין לשון פונעם פסוק (ויקרא כג, כד) ׳**זכרון** תרועה׳. מ'דאַרף ׳געדענקען׳ די תקיעות פון ראש השנה, אויך אינמיטן יאָר...

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק בעל ׳אהבת ישראל׳ זי"ע, אַז ראש השנה ווערט אָנגערופן ׳יום הזכרון׳, ווייל דער מענטש דאַרף טוהן פעולות צו געדענקען אַ גאַנץ יאָר אַז עס אָנהייב יאָר איז אַריבער אויף איהם אַ ׳ראש השנה׳, דורך דעם וואָס ער וועט נעמען אויף זיך אַ גוטע קבלה וואָס זאָל איהם באַגלייטן אַלע טעג פונעם יאָר.

**שרייבט** דער ווייטער, אַז דער וואָס איז זיך מתרשל פון תשובה, האָט נישט אַ חלק אין דעם באַשעפער, ווייל אַ גאַנץ יאָר איז די התעוררות נישט אַזוי אָנוועזנד, און אויך די מדה פון דין טוט זיך מייאש זיין פון איהם און וואַרט אויף איהם ביז די ימים נוראים, און דאָס איז די כוונה פון חז"ל ווען זיי זאָגן אַז דער בית דין של מעלה גייט נישט אַריין צום משפט, ביז דער בית דין של מטה איז נישט מקדש פריער דעם חודש, עכ"ל.

**אויב** דער 'מאירי' שרייבט, אַז דער וואָס ווערט נישט נתעורר אין ראש השנה, 'אין לו חלק באלוקי ישראל', איז דאָך 'מדה טובה מרובה', אַז דער מענטש וואָס ווערט יאָ נתעורר אין די יעצטיגע טעג צו תשובה און תיקון המעשים, האָט יאָ אַ 'חלק באלוקי ישראל', און ער וועט זוכה זיין צו אַ שנה טובה ומתוקה און אַסאַך שפע, 'עד בלי די', אמן.

קול שופר - אויסרייסן דעם 'דבר אחר' פון אידישע הערצער

ס'איז באַקאַנט וואָס דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות תשובה, פ"ג, ה"ד) אַז כאָטש תקיעת שופר אין ראש השנה איז אַ גזירת הכתוב, איז אָבער דאָ אין דעם בלאָזן אַ רמז, 'עורו[נט] ישנים משנתכם'[ס] - די שלאָפעדיגע

**נט.** דער 'בית אברהם' זאָגט (ר"ה, ד"ה 'אני ישנה'), אַז מן התורה איז באמת גענוג צו בלאָזן מיט'ן שופר בלויז עטליכע קולות, ווייל אויך דורך אַ פּאָר בלאָזן ווערט דער שלאָפענדיגער מענטש אויפגעוועקט פון זיין שלאָף, אָבער צוליב דעם לאַנגען גלות וואָס די דורות זענען ליידער געוואָרן שוואַכער, האָבן חז"ל מתקן געווען צו בלאָזן הונדערט קולות, ווייל יעצט איז נישט אַזוי לייכט זיך צו ערוועקן פון דעם שלאָף פון די הבלי הזמן, און מ'דאַרף אַסאַך מעורר זיין ביז מען טוט זיך ערוועקן פונעם טיפן שלאָף.

לויט איין גירסא (געדרוקט אין 'מהדורת שבתי פרענקל', לויט'ן כתב-יד פונעם רמב"ם ז"ל) האָט דער רמב"ם געשריבן 'עורו עורו' - צוויי מאָל דאָס וואָרט 'עורו'. קען מען זאָגן אַ טעם פאַר דעם דאָפּלטן לשון, אַז עס קומט מרמז צו זיין אַז מיר דאַרפן זיך אויפוועקן פון דעם קול שופר, און מיר זאָלן נישט זיין אין די בחינה (וואָס שטייט ביי פרעה) 'ויישן ויחלום שנית', נאָר מיר זאָלן נתעורר ווערן צו עבודת השם, און אויך נאָך דעם ווי מיר וועלן שוין נתעורר ווערן, זאָלן מיר אייביג נאָך אַמאָל 'אויפלעבן' די התעוררות.

מ'דערציילט, איינער האָט געבעטן זיין חבר אַז ער זאָל איהם אויפוועקן מאָרגן אינדערפרי. איז דער חבר געקומען אין די באַשטימטע צייט איהם אויפצואוועקן, אָבער ער איז געשלאָפן אַ טיפן שלאָף, אַזוי אַז אויך נאָכן איהם 'שטופן' האָט ער זיך נישט ערוועקן. האָט ער געגאָסן וואַסער אויף זיין שלאָפנדיגן חבר, אָבער 'אין קול ואין עונה'... האָט דער 'וועקער' אויפגעגעבן אויף יעדע מעגליכקייט איהם צו ערוועקן, און איז זיך געגאַנגען זיין וועג. שפּעטער אין טאָג, האָט ער געטראָפן דעם וועקער און געהאַט צו איהם אַ שטאַרקע טענה, פאַרוואָס ער האָט איהם נישט אויפגעוועקט, אַזוי ווי מ'האָט אָפּגעשמועסט אַ נאַכט פריער... האָט יענער געזאָגט, איך האָב דאָך פּרובירט דיך צו וועקן, און כ'האָב דיך אַפילו באַגאָסן מיט וואַסער, אָבער דו האָסט נישט געוואָלט אויפשטיין. האָט דער 'פּעפער' געזאָגט:

- יאָ, איך געדענק טאַקע אַז איך האָב געזעהן אין חלום ווי עמיצער גיסט אויף מיר וואַסער אינמיטן שלאָף...

לענינינו, קען מען לערנען פון די 'מעשה', אַז ס'איז שייך אַמאָל זיך צו ערוועקן 'אין' דעם חלום, און דאָס קומט דער רמב"ם ז"ל אונז דערמאָנען, אַז דער מענטש דאַרף נתעורר ווערן בפועל ממש, און צו וויסן אַז אַלעס הענגט אויף דעם וואָגשאָל. מ'קען לייכט איבערוועגן דעם וואָגשאָל אַרויסצוגיין זכאי ביים משפט, אויב מ'כאַפּט זיך אויף פון טיפן שלאָף און מ'ווערט נתעורר צו תשובה דורכ'ן קול שופר.

**ס.** עס ווערט געברענגט אַ משל, אין אַ הויז האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה רח"ל, בשעת ס'איז דאָרט געשלאָפן רואיג איינער פון די בני בית. זענען געקומען עטליכע 'חכמים' וואָס האָבן געוואָלט 'ראַטעווען' דעם שלאָפנדיגן מענטש פונעם פייער, און האָבן אָנגעהויבן מעסטן די פענצטער ווי גרויס זיי זענען, און אויך די מאָס פונעם בעטן אויף וועלכן ער איז געשלאָפן, צו זעהן אויב מ'קען איהם אַרויסטראָגן שלאָפנדיג אויפ'ן בעט, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן... האָט איינער זיי אָנגעשריגן: 'שוטים, בטלנים, ביז איר וועט ענדיגן מעסטן די פענצטער און דעם בעט, וועט דאָך דער מענטש פאַרברענט ווערן חלילה צוזאַמען מיט'ן בעט... וועקט איהם אויף... און זאָל ער אַנטלויפן זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן'.

מענטשן זאָלן זיך אויפוועקן פון זייער טיפן שלאָף. 'ונרדמים הקיצו מתרדמתכם' - און די דרימלענדיגע מענטשן זאָלן זיך אויפוועקן פון זייער דרימל. איר זאָלט נאָכקוקן אייערע מעשים און תשובה טוהן, און איר זאָלט געדענקען דעם באַשעפער, דאָס מיינט מען די וואָס פאַרגעסן דעם אמת צוליב די הבלי הזמן, און זיי פאַרברענגען אַלע זייערע יאָרן מיט נאַרישקייטן וואָס העלפן נישט און ראַטעווען נישט. קוקט אַריין אין אייערע נשמות, און פאַרבעסערט אייערע וועגן[סא]. יעדער איינער פון אייך זאָל איבערלאָזן זיין שלעכטן וועג[סב] און זיין מחשבה וואָס איז נישט גוט.

---

דער נמשל איז, מיר אידן דאַרפן אויפהערן 'מעסטן' אַהין און אַהער, נאָר זיך ערוועקן אין דעם פאָרכטיגן טאָג, און נעמען אויף זיך צו גיין אויפ'ן 'דרך המלך' פונעם באַשעפער, 'מלכו של עולם'.

דער פּאָניעוועזשער רב, הגאון רבי יוסף שלמה כהנמאַן זצ"ל, האָט אַמאָל געפרעגט די תלמידים פון זיין ישיבה, וואָס מ'טוט מיט אַ מענטש וואָס שלאָפט, און ער זעהט אין זיין חלום אַ גרויסן לייב וואָס וויל איהם איינשלינגען לעבעדיגערהייט רח"ל. האָט ער זיך צעשריגן אין חלום: ראַטעוועט מיך פון דעם שרעקעדיגן לייב. דאַן האָט דער פּאָניעוועזשער רב געפרעגט די תלמידים: נו, ווי אַזוי ראַטעוועט מען אַזאַ איינעם? 'הוא מותיב לה, והוא מפרק לה' - דער פּאָניעוועזשער רב האָט אַליין פאַרענטפערט זיין קשיא': **וואָס הייסט וואָס מ'טוט? מ'וועקט איהם אויף... מ'וועקט איהם אויף...** און אַזוי וועט ער מער נישט דאַרפן מורא האָבן אַז ער וועט פאַרציקט ווערן דורך דעם לייב.

דער מוסר השכל איז, אַז דורכ'ן יאָר שלאָפט דער מענטש צומאָל אַ שטאַרקן שלאָף, און ער דרייט זיך אַרום מיט דמיונות וואָס דער יצר הרע טוט איהם איינרעדן, און צוליב דעם בלאָזן מיר שופר צו זיך ערוועקן פון טיפן שלאָף, און זיך אויפכאַפּן פון אַלע 'חלומות', אַז מ'זאָל זעהן אַז 'לא דובים ולא יער' - דער יצר הרע מיט אַלע זיינע תאוות, איז נישט מער ווי אַ בלויזער 'חלום' און דמיון.

מיר זעהען טאַקע, אַז איבעראל וואו עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך און אין די פּוסקים וועגן זאָגן 'סליחות', שטייט דאָס לשון, אַז מ'דאַרף 'אויפשטיין' צו סליחות, און דער רבינו יונה ז"ל שרייבט (שערי תשובה, שער א, פ"ג) אַז **מ'געפינט נישט דאָס פאַרשפּעטיגן תשובה צו טוהן, נאָר ביי די עמי הארץ וואָס שלאָפן**, ווייל דאָס איז דער טויער צו תשובה, זיך צו ערוועקן פון טיפן שלאָף וואָס קומט פון די הבלי הזמן, און מ'זאָל נעמען אויף זיך אָנצוהייבן דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**סא.** הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע האָט דערציילט, אַז ווען דער גאון רבי אלעזר רוקח זי"ע, דער 'מעשה רוקח', האָט עולה געווען מיט אַ שיף קיין ארץ ישראל, האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורעם אויפ'ן ים, און די שיף האָט זיך זייער שטאַרק געטרייסלט, אַז ס'איז געווען אַ סכנה אַז די שיף מיט אַלע פּאַסאַזשירן וועלן דערטרינקען ווערן רח"ל. וויבאַלד מ'האָט דערקענט אויפ'ן 'מעשה רוקח' אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, זענען די מענטשן אויף די שיף צוגעקומען צו איהם און געבעטן ער זאָל מתפלל זיין פאַר אַ ישועה.

וויבאַלד ס'איז דעמאָלס געווען ראש השנה ביינאכט, האָט דער 'מעשה רוקח' געבעטן פון זיי מ'זאָל איהם געבן אַ שופר, כדי ער זאָל קענען מקיים זיין די מצוות היום ביים עלות השחר, און מ'האָט איהם טאַקע געברענגט דעם שופר. אַזוי ווי דער זון האָט אויפגעשיינט, האָט ער געבלאָזן 'תקיעה, שברים, תרועה', און אויך די אַנדערע קולות וואָס מ'בלאָזט, און ביז אַ קורצע צייט, האָט דער שטורעם-ווינט זיך באַרואיגט, און די שיף איז געראַטעוועט געוואָרן און אָנגעקומען בשלום קיין ארץ ישראל.

ווען דער רבי ר' בונם זי"ע האָט דערציילט די מעשה, האָט ער געזאָגט צום עולם, אַז דער 'מעשה רוקח' האָט נישט געמיינט צו בלאָזן שופר אַלס אַ **סגולה** איינצושטילן די שטאַרקע ווינטן אויפ'ן ים, נאָר ווען ער האָט געזעהן אַז 'כלו כל הקיצין', און אַז ביז אַ קורצע צייט וועט די שיף זיך דערטרינקען ח"ו, האָט ער געוואָלט **אַריינכאַפּן** מקיים צו זיין נאָך אַ מצוה איידער ער וועט פאַרלאָזן די וועלט. נאָר ווען דער אויבערשטער האָט געזעהן זיין גרויסע ליבשאַפט צו יעדע מצוה, אַז אויך ווען עס הערשט אַ סכנה ח"ו פאַרגעסט ער פון זיין אייגענעם צער און ער וויל מקיים זיין דעם אויבערשטען'ס מצוה, האָט ער מיט דעם מעורר געווען רחמים אין הימל אויף זיך און אויף אַלע רייזנדע אויף די שיף, און זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ מיתה משונה ה' ירחם.

[לויט די ווערטער פון רבי'ן ר' בונם, קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס דער 'מעשה רוקח' האָט געטוהן אַנדערש ווי ס'איז די הלכה, און געבלאָזן שופר נישט לויט'ן סדר פון די ברכות וואָס מ'בלאָזט דאָך ביים זאָגן 'מלכיות, זכרונות,

**דאָס** הייסט, אַז דורך דעם קול שופר דאַרף מען זיין צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער און איהם צו נתעורר ווערן און תשובה טוהן[סג], און זיך מבניע דינען מיט'ן גאַנצן האַרץ.

---

שופרות'. אָבער לויט די דערמאנטע ווערטער איז פאַרענטפערט, וויבאַלד עס האָט איהם אויסגעזעהן אַז אָט אָט וועט די שיף זיך ח"ו דערטרינקען און אויב ער וועט ווענלן קודם דאַווענען, וועט ער נישט אָניאָגן צו בלאָזן שופר, און אויף אַזאַ אופן, איז אַוודאי מצוה פון תקיעת שופר פריער, ווי די גמרא זאָגט (ר"ה לד:) אַז צוויי שטעט, אין איינע בלאָזט מען, און אין די צווייטע ווייסט מען נאָר צו מאַכן די ברכה, זאָל מען גיין צו די שטאָט וואו מ'בלאָזט, און נישט צו די שטאָט וואו מ'מאַכט נאָר די ברכות].

**סב.** מורא'דיגע ווערטער שרייבט דער הייליגער בעל 'אור המאיר' זי"ע (לר"ה, ד"ה 'או יאמר היתקע'), לכאורה איז שווער, אויב דער ציל פון תקיעת שופר איז מעורר צו זיין אידן צו תשובה, פאַרוואָס האָט מען פאַר דעם געדאַרפט האָבן אַ 'שופר' צו בלאָזן דערמיט. מ'האָט דאָך געקענט מאַכן אַ תקנה אַז אין יעדע שטאָט וואו עס וואוינען אידן, זאָלן דער רב אָדער מגיד זאָגן אַ 'דרשת התעוררות', און מעורר זיין דעם ציבור צו תשובה.

ענטפערט דער 'אור המאיר' מיט אַ משל, אַ שטאָט וואו עס וואוינען מענטשן פון פאַרשידנאַרטיגע סאָרטן, אָרימעלייט און רייכע מענטשן. מ'האָט אַוועקגעשטעלט ביים טויער פון שטאָט אַ וועכטער, צו היטן פון גנבים און אַנדערע פאַרברעכער. ווען דער וועכטער באַמערקט אַ באַנדע גנבים וואָס דערנענטערן זיך צו די שטאָט, וועט ער דאָך אַוודאי שרייען 'גנבים!... גנבים!...'. ווער וועט קומען צו לויפן כדי צו העלפן דעם וועכטער פאַרטרייבן די גנבים? אַוודאי וועלן קומען צו לויפן נאָר די רייכע, ווייל זיי האָבן דאָך מורא פאַר זייער פאַרמעגן. די אָרימעלייט, וועלן אַוודאי בלייבן אינדערהיים, ווייל וואָס אַרט זיי אויב אַ גנב וועט אַריינקומען צו זיי אין הויז. ער וועט דאָך דאָרט גאָרנישט האָבן וואָס צו נעמען... אָבער אויב דער וועכטער וועט אויסשרייען אַז עס ברענט אַ פייער אין שטאָט ח"ו, דאָס שטעטל ברענט און יעדער וואָס וויל זיך ראַטעווען דאָס לעבן דאַרף זאָפאָרט אַנטלויפן פון שטאָט, וועלן דאָך אַלע אַנטלויפן פון שטאָט, כדי צו ראַטעווען זייער לעבן.

דער נמשל איז, אויב דער רב אָדער דער מגיד וואָלט געהאַלטן אַ דרשה פאַר'ן ציבור אַז מ'זאָל זיך שטאַרקן אין דעם ענין פון תפילה, וועלן טייל אידן זאָגן, אַז זיי דאַווענען ווי אַ איד דאַרף צו דאַווענען, און ממילא, מיינט מען נישט זיי מיט די דברי התעוררות... ווידער, אויב מ'וועט מעורר זיין דעם עולם זיך צו שטאַרקן אין לימוד התורה, מאַכן אַ 'קביעות עתים לתורה', א.ד.ג., וואָלטן דאָך די תלמידי חכמים זיך אָפּגעשאָקלט פון זיינע ווערטער, און געזאָגט אַז זיי זיצן ב"ה און לערנען אַ גאַנץ יאָר, און אויב ער וועט זיי זאָגן מוסר רייד וועגן גמילות חסדים, וואָלטן די עסקנים געזאָגט רואיג, אַז נישט זיי מיינט מען דאָ, ווייל זיי זענען דאָך פאַרנומען מיט עסקנות פאַר אידן אַ גאַנץ יאָר. צוליב דעם, האָט די תורה געהייסן בלאָזן שופר אין ראש השנה, ווייל דער שופר איז מעורר יעדן איינעם צו תשובה אין יעדן מצב וואָס ער איז. 'לב יודע מרת נפשו' - יעדער איינער ווייסט דאָך זייער גוט וואָס ער דאַרף פאַררעכטן, ווי יענער וועכטער וואָס שרייט 'פייער... פייער', וואָס איז גורם פאַר אַלע שטאָט-לייט צו אַנטלויפן פון שטאָט.

**סג.** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע שרייבט ('דרשות חתם סופר', שסט:), אַז די ראשי תיבות פון **ב**'חצוצרות **ו**'קול **ש**'ופר **ה**'ריעו (תהלים צח, ו) איז בוש"ה, וויל דער עיקר איז צו שעמען זיך מיט די מעשים תעתועים מיט וועלכע מ'האָט אָנגעברענגט דעם גאַנצן פאַרלאָפענעם יאָר.

אַן אַנדערן רמז זאָגט דער 'נתיבות שלום' (ח"ב, ע' קלא) אַז 'שופר' מיט די אותיות באַטרעפט 590, אַזוי ווי די צוויי ווערטער 'שברון לב', ווייל **דאָס איז דער ענין פון תקיעת שופר: צו ברענגען דעם מענטש צו האָבן אַ צובראָכן האַרץ פאַר דעם אויבערשטען.**

החסיד המפואר רבי וועלוול אייזנבאַך זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון איינעם פון די זקני ירושלים, אַז ער האָט געהערט פון זיין זיידן דער בעל המעשה, אַז אַלס קינד, איז ער איין יאָר געפאָרן מיט זיין טאַטן אויף ראש השנה צו הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע. צוליב דעם גרויסן ציבור וואָס איז געקומען אויף יום טוב, איז געווען אַ גרויסער געדרענג און מ'האָט געמוזט צולייגן נאָך פּלעצער צו שטיין ביים דאַווענען. האָט מען פאַר דעם צוועק געמאַכט אַ גרויסן לאָך אינעם דאַך פון די שול, און דאָרט זענען געשטאַנען אַסאַך חסידים און געקוקט אויפ'ן רבי'ן, רבי אהרן טשערנאָבילער, צו זעהן זיין הייליגע עבודה אין דעם גרויסן טאָג.

ס'איז אָבער נאָך אַלץ געווען אַ גרויסע ענגשאַפט אין שול, און צוליב די גרויסע שטופעניש וואָס איז געווען פאַר די תקיעות, האָט דער בעל העובדא (דער זקן וואָס האָט עס דערציילט פאַר רבי וועלוול אייזנבאַך ז"ל) גע'חלש'ט. מ'האָט איהם דערמונטערט און אַוועקגעזעצט נעבן די בימה, וואו עס איז געווען אַביסל מער לופטיג (צוליב דעם לאָך אינעם דאַך וואָס מ'האָט געמאַכט), און דאָרט איז געשטאַנען דער רבי.

וויבאַלד דאָס קינד איז געשטאַנען נאָנט צו הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער, האָט ער געקענט הערן די הייליגע ווערטער וואָס דער רבי האָט געזאָגט פאַר'ן עולם איידער מ'איז געגאַנגען בלאָזן שופר. ער האָט געזאָגט: 'תקיעה' איז אַ גלאַטער קול וואָס קומט אַרויס פונעם שופר, און דאָס ווייזט אויף גאווה. 'תרועה', ווידער, ווייזט אויף צובראָכנקייט, ווען דער מענטש האַלט זיך קליין. און דאָס איז מרומז אין פסוק (תהלים מז, ו) **'עלה אלוקים'**. כדי אָפּצוטוהן די מדת הדין וואָס איז מרומז אין דעם שם 'אלוקים', דאַרף מען מקיים זיין **'בתרועה'** - מ'זאָל האָבן אַ צובראָכן האַרץ. **ה'** - דער שם הוי' וואָס איז מרמז אויף מדת הרחמים, ווערט חלילה אָפּגעטוהן ווען עס איז **'בקול שופר'** - דער קול פון 'תקיעה', וואָס מיינט אַז פאַר דעם מענטש דאַכט זיך אַז ער איז 'גלאַטיג', אָן אַ פּגם, רח"ל.

ווען דער עולם האָט געהערט די הייליגע ווערטער פונעם רבי'ן, האָבן אַלע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דער זקן האָט עדות געזאָגט, אַז פון דאַך האָבן ממש גערונען 'טייכן טרערן', וואָס האָבן נאַס געמאַכט זיינע בגדים פון קאָפּ ביז פיס.

הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, האָט אַמאָל געשמועסט מיט דעם אַלטן באַקאַנטן חסיד רבי ישראל שמעון קאַסטעלאַניץ זצ"ל, און נאָך איינעם פון די חשוב'ע חסידים אין סלאָנים, און אַלע האָבן אַרויסגעהויבן מיט בענקשאַפט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן ראש השנה אין באַראַנאָוויטש, ביים סלאָנימער רבי'ן הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע. זיי האָבן אַריינגעטראַכט, ווי אַזוי מ'קען איבערגעבן פאַר'ן יונגן דור די מורא'דיגע מראה וואָס מ'האָט געזעהן דאָרט, ביי דעם 'בית אברהם' (מ'דערציילט, אַז דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד, וועלכער האָט געהאַט זיין ישיבה אין באַראַנאָוויטש, פלעגט שטיין הינטער די טיר פון דעם בית המדרש פונעם 'בית אברהם' ווען מ'האָט דאָרט געדאַוונט מוסף אין די ימים נוראים, כדי צו הערן דאָס קול פון די תפילות וואָס מ'האָט דאָרט געדאַוונט פון טיפן האַרצן). **באזונדער האָט מען געזעהן די התעוררות ביים זאָגן דאָס שטיקל פון זוהר הקדוש וואָס איז געדרוקט אין מחזור פאַר די תקיעות. דער רבי האָט עס געזאגט בדמעות שליש לאַנגע שעה'ן, אַרויסזאָגנדיג די ווערטער במתינות, פּאַמעליך, ווי איינער וואָס ציילט געלט.** ספּעציעל האָט דער 'בית אברהם' זיך צעוויינט ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו זאָגן די ווערטער וואָס דער זוהר שרייבט, אַז דער בעל הכרוז שטייט און רופט אויס, יענער האָט געטוהן אַזוי און אַזוי, ווער וויל מלמד-זכות זיין אויף איהם, אויב ס'איז דאָ איינער וואָס קען זאָגן גוטס פאַר איהם, איז גוט, און אויב נישט, ווערט ער חלילה איבערגעגעבן צו דעם מלאך וואָס איז ממונה איהם צו באַשטראָפן ח"ו. בעת מעשה, האָט דער 'בית אברהם' זיך מתוודה געווען פון טיפן האַרצן אויף די נדנודי חטא, וואָס דער אויבערשטער איז מדקדק מיט די צדיקים 'כחוט השערה'.

די גמרא זאָגט (יומא פה:) אַז רבינו הקדוש האַלט, 'עיצומו של יום מכפר' - יום כיפור איז מכפר אויף אַלע עבירות וואָס האָט געטוהן, אויך אויב מ'האָט נישט תשובה געטוהן.

כדי צו ערקלערן די שיטה פון רבי, האָט הרה"ק רבי העניך מ'אלכסנדר זי"ע דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ יונגל פון זעקס יאָר, האָט ער געלערנט ביי אַ מלמד וואָס איז געווען גאָר אַ געהויבענער איד. אין אַ טאָג איז דער מלמד געוואָרן זייער נישט געזונט ל"ע, און האָט שוין געהאַלטן ביי גסיסה רח"ל. זענען די חברה קדישא געקומען און געזאָגט (ווי ס'איז זייער שטייגער) פאַר דעם מלמד ער זאָל תשובה טוהן און זאָגן ווידוי. האָט דער מלמד געזאָגט: קיין תשובה איז אויך אַ תשובה'. דאָס הייסט, אויב דער מענטש אנערקענט זיין נידעריגן מצב אין רוחניות, און ער ווייסט אַז ער אַליין פאַרמאָגט נישט קיין שום מעשים טובים, ווייסט ער דאָך אַז אין זיין מצב קען ער נישט טוהן תשובה ריכטיג, און די עצם ידיעה איז די גרעסטע מדריגה פון תשובה.

די גמרא זאגט אין מסכת' ר"ה (טז.) אַז מ'בלאָזט זיצענדיג, און דערנאָך בלאָזט מען שטייענדיג, כדי צו צעטומלען דעם שטן. שרייבט דער ר"ן (ר"ה ג. מדפי הרי"ף, ד"ה 'למה'), אַז 'כדי לערבב השטן' מיינט, מכניע צו זיין דעם יצר הרע, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ג, ו) 'אם יתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו', און ווי ריש לקיש וואָס ער זאָגט (ב"ב טז.) אַז דער שטן איז דער זעלבער ווי דער יצר הרע.

זעהען מיר פון די ווערטער פונעם ר"ן ז"ל, אַז דער ענין פון תקיעת שופר איז צו פאַרטרייבן דעם יצר הרע, 'שאור שבעיסה', וואָס ער פּרובירט איבעררעדן אידישע קינדער אַ גאַנצע יאָר צו טוהן עבירות ח"ו.

אַזוי שרייבט אויך דער 'ספר החינוך' (מצוה שיא) אַז דאָס איז דער ענין פון 'זכרון תרועה' וואָס ווערט דערמאנט ביי תקיעת שופר, ווייל 'תרועה' איז אַ צובראָכן קול, אַ רמז אַז יעדער איינער דאַרף צעברעכן זיין שטאַרקן יצר הרע, און תשובה טוהן אויף זיינע שלעכטע מעשים.

די צייט איז גאָר שטאַרק מסוגל אַז די תשובה זאָל ווערן אָנגענומען אין הימל, ווי עס שרייבט דער 'פלא יועץ' (ערך ראש השנה) אין נאָמען פון דעם מקובל רבי שלום שרעבי זי"ע ('נהר שלום', סדר תפילות ראש השנה ותקיעת שופר), אַז די התעוררות פון תשובה אין ראש השנה העלפט פיל מער אַנטקעגן אַ גרויסע באַמיאונג פון תשובה אין אַן אַנדערן זמן[סד].

**זכרון תרועה - די סגולה פון די תקיעות ברוחניות ובגשמיות**

חז"ל זאָגן (ויק"ר פכ"ט, ג) אַז ווען די אידן נעמען אין די הענט זייערע שופרות און בלאָזן פאַר דעם אויבערשטען, טוט דער אויבערשטער אויפשטיין פון דעם כסא הדין, און ער זעצט זיך אַוועק אויפ'ן כסא

**מן הבאר**

אַמאָל ראש השנה, ווען הרה"ק רבי יחיאל פון מוש זי"ע איז שוין געשטאַנען גרייט אויף די בימה צו בלאָזן שופר, האָט ער נישט געוואָלט אָנהייבן בלאָזן, אָנווייזנדיג פאַר די וואָס זענען געשטאַנען נעבן איהם, אַז אינדרויסן פון ביהמ"ד שטייט אַ 'דבר אחר' און עסט אויף די פירות אויפ'ן פעלד פון אַ אידישן אייגנטימער, און ער קען נישט בלאָזן **ביז מ'וועט נישט פאַרטרייבן דעם 'דבר אחר' פון דאָרט.** צוויי יונגעלייט זענען טאַקע אַרויסגעגאַנגען און פאַרטריבן דעם חזיר פון דאָרט, און דאַן האָט רבי יחיאל מוש'ער געבלאָזן די תקיעות.

יאָרן שפּעטער, ווען דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע האָט דערציילט די מעשה, האָט ער זיך אָנגערופן: **'אַזאַ מעשה פונעם מוש'ער האָב איך נאָך נישט געהערט'.** האָבן די חסידים שפּעטער געזאָגט, אַז דער רבי איז מסתמא נתפעל געוואָרן בעיקר פון די מדת החסד וואָס דער מוש'ער האָט פאַרמאָגט, אַז אויך אין אַזאַ געהויבענע צייט פאַר תקיעת שופר, האָט ער זיך געזאָרגט פאַר'ן פעלד פון אַ איד. [ענליך ווי עס ווערט דערציילט וועגן הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, אַז אַמאָל פאַר 'כל נדרי' יום כיפור פאַרנאַכטס, האָט מען איהם געזעהן שטיין און שאָקלען אַ קליין קינד אין בעטל וואָס זיין מאמע האָט איהם איבערגעלאָזט און זי איז געגאַנגען אין שול צו 'כל נדרי', ווייל דאָס איז דער גאַנצער מהות פון די צדיקים, אַז אויך אין די העכסטע זמנים גדענקען זיי צו טוהן חסד אַ צווייטן איד].

דער 'בית אברהם' האָט אָבער געזאָגט צו די חסידים: 'פאַרוואָס פאַרשטייט איר נישט דעם טיפן באַדייט פון די מעשה? **די גאַנצע כוונה פון תקיעת שופר איז דאָך אויסצורייסן דעם 'דבר אחר' פון אידישע הערצער, מ'זאָל נישט האָבן מער קיין שייכות מיט די כוחות פון שלעכטס.**

דאָס איז די כוונה פון רבינו הקדוש, אַז יום כיפור איז מכפר אויף די עבירות אויך ווען מ'טוט נישט תשובה, דאָס הייסט, די מענטשן וואָס וויסן ביי זיך אַז זיי האָבן גאָרנישט, זיי זענען זוכה צו אַ כפרה און מחילה.

**סד. באמת, קען מען אין די מינוטן פאַר תקיעת שופר, תשובה טוהן אויך אויף די האַרבסטע עבירות,** ווי דער 'צמח צדק' שרייבט (ליקוטים, אות ג'), אַז ביי שופר זאָגט דער פסוק (תהלים פא, ד) **'תקעו** בחודש שופר', און ביי יעקב אבינו ע"ה זאָגט דער פסוק (בראשית לב, כו) **'ותקע** כף ירך יעקב'. דאָס וואָרט 'תקעו' האָט די זעלבע אותיות ווי דאָס

רחמים[סה], און די גמרא זאָגט, אַז דורך דעם שופר ווערן אידישע קינדער געדענקט צום גוטן פאַר דעם אויבערשטען.

**האָבן** צדיקים געזאָגט ('שם משמואל', שנת תרע"ט, אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע און אַזוי האָט אויך געזאָגט דער בעל התניא זי"ע), ווייל עס שטייט אין ירושלמי וואָרט 'ותקע', אַ רמז אַז ווען מ'בלאָזט שופר קען דער מענטש מתקן זיין אויף די האַרבסטע עבירות וואָס ער האָט פוגם געווען (מיט זיין 'ירך'), דאָס הייסט, 'אביזרייהו דגילוי עריות'.

דער מקובל רבי שלום שרעבי זי"ע זאָגט נאָך מער (געברענגט אין ספר 'פלא יועץ', דאָרט), אַז אַפילו איינער וואָס האָט ליידער גורם געווען פאַר אַסאַך מענטשן צו זינדיגן, קען אויך האָבן אַ כפרה ווען ער טוט תשובה בשעת די תקיעות, **און אויך קען מען דעמאָלס האָבן אַ תיקון אויף אַלע 'פגמים' וואָס עס שטייט וועגן זיי אין זוהר הקדוש אַז עס העלפט נישט חלילה קיין תשובה. אַלעס קען מען דעמאָלס פאַררעכטן.**

אויך האָבן די בעלזער צדיקים זי"ע נאָכגעזאָגט פון די מקובלים, אַז **ביי תקיעת שופר קען דער מענטש האָבן אַ כפרה אַפילו אויף די עבירה פון חילול השם,** און כאָטש די גמרא זאָגט (יומא פו.) אַז אויף דעם חטא פון חילול השם העלפט נישט קיין תשובה און יום כיפור איז נישט מכפר, און יסורים טוהען עס נישט זיס מאַכן, נאָר 'כולן תולין ומיתה ממרקת', נאָר ביים שטאַרבן ווערט דער חטא נמחל. פונדעסטוועגן, וויבאַלד רבי אבהו זאָגט אין די גמרא (ר"ה טז.) אַז מ'בלאָזט מיט אַ שופר פון אַ ווידער, כדי דער אויבערשטער זאָל געדענקען פאַר די אידן דעם זכות פון עקידת יצחק בן אברהם, און דאַן ווערט עס זיי גערעכנט גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אַליין מקריב געווען פאַר דעם אויבערשטען. קומט אויס, אַז **ביי תקיעת שופר איז דאָ דער ענין פון מסירות נפש, און ממילא קען מען האָבן אַ סליחה און מחילה אויף אַלע עבירות ביים בלאָזן שופר,** 'שערי תשובה לא ננעלו'.

הרה"ק רבי יחיאל מ'אלכסנדר זי"ע, איז איין יאָר פאַר די תקיעות אַרויפגעגאַנגען אויף די בימה, און מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל, האָט ער געזאָגט מיט אַ שטים פון צובראָכנקייט:

- **'פנה אל תפילת הערער'** (תהלים קב, יח), ער הערט צו די נאַקיטע תפילות. **'ולא בזה את תפילתם'** - ער טוט נישט גרינגשעצן אויך אין די נאַקיטע תפילות'. (דאָס וואָרט 'ערער', האָט ער געטייטשט אַז עס איז פון לשון נאַקעט) **דער אויבערשטער הערט-אויס אונזערע תפילות אויך אויב מיר זענען חלילה נאַקעט פון מצוות און מעשים טובים.**

**סה.** הרה"ק בעל 'אהבת שלום' זי"ע פון קאָסוב האָט געזאָגט בדרך מליצה, **דער אויבערשטער כביכול וואונדערט זיך אויף זיך אַליין,** ווי אַזוי בין איך אָנגעקומען ביז אַהער, צו זיצן אויף אַ כסא דין. דאָס איז דאָך נאָר דערפאַר ווייל דער שטן האָט מקטרג געווען אויף אידישע קינדער און ער האָט מיך איבערגערעדט צו זיין אין כעס אויף די אידן. זעה איך דאָך פון דעם אַז דער שטן האָט אַ גרויסן כח מיט זיינע איבעררעדענישן, און אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ טענה האָב איך קעגן די אידן ווען זיי זינדיגן. זייער גאַנצער חטא קומט דאָך נאָר פון דעם גרויסן כח וואָס דער שטן האָט זיי איבערצורעדן... **מכח דעם טעם זעלבסט,** גייט דער אויבערשטער אַריבער פונעם כסא דין צום כסא רחמים.

אַזוי האָט דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע געטייטשט (פ' וירא) דאָס וואָס מיר זאָגן נאָכ'ן זאָגן די פרשה פון די עקידה: 'כמו שכבש אברהם אבינו את רחמיו וכו' כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו'. לכאורה איז שווער, ווי אַזוי בעטן מיר אַז דער אויבערשטער זאָל ערוועקן זיין מדה פון רחמים און איינהאַלטן זיין כעס, אין צוגלייך צו אברהם אבינו ע"ה. אברהם האָט דאָך געטוהן פאַרקערט, ער האָט 'איינגעהאַלטן' זיין מדה פון 'רחמים' און מעורר געווען די מדה פון דין און גבורה, צו שחט'ן זיין זון?

האָט דער בעלזער רב געענטפערט, חז"ל זאָגן (תנחומא, וירא, כב) אַז ווען אברהם אבינו ע"ה איז געגאַנגען צו די עקידה, איז דער שטן געקומען איהם צוריקצוהאַלטן פון ברענגען יצחק'ן אויף די עקידה. ווען דער שטן האָט געזעהן אַז אברהם וויל איהם נישט פאָלגן, האָט ער אָנגעהויבן טענה'ן פאַרשידענע מאָדנע טענות פאַרוואָס אברהם דאַרף זיך צוריקהאַלטן פון ברענגען יצחק'ן אויף די עקידה. צום סוף האָט אברהם איהם געזאָגט, ריכטיג טאַקע, ביסט גערעכט, **אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין אַנדערער ווי דער 'שטן', און מיר האָבן אַ כלל, אַז מ'דאַרף אייביג טוהן פאַרקערט פון דעם וואָס דער שטן זאָגט...**

דאָס זעלבע בעטן מיר פון דעם אויבערשטען, ער זאָל ענטפערן פאַר די מקטרגים, יאָ, איר זענט אפשר גערעכט מיט אייערע טענות, **אָבער איך דאַרף דאָך טוהן אַלץ 'פאַרקערט' פון אייערע טענות,** און ממילא, וועל איך פאַרשרייבן די אידן בספרן של צדיקים גמורים לאלתר לחיים טובים ולשלום, אמן כן יהי רצון.

(ר"ה פ"א ה"ג) אַז דער אויבערשטער כביכול איז מקיים אַלע מצוות פון די תורה, קומט אויס אַז ווען די אידן נעמען אין די הענט זייערע שופרות און בלאָזן דערמיט, ווערט נתעורר אויך אויבן אין הימל כביכול די זעלבע פעולה, און אויך דער אויבערשטער 'בלאָזט' דעמאָלס שופר, און אויף דעם זאָגן מיר, 'ובשופר גדול יתקע'. דעם אויבערשטען'ס 'תקיעה' איז אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ב, ז) 'ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה', און 'מאן דנפח מדיליה נפח' - דער וואָס בלאָזט, בלאָזט פון זיך. קומט אויס אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעבלאָזן חיות אין אדם הראשון פון זיין 'חיות' כביכול, און דורך דעם איז אדם הראשון געוואָרן אַ 'נפש חיה', ווייל דער אויבערשטער איז דאָך דער מקור פון לעבן, און ער האָט אַריינגעבלאָזן פון זיין לעבן אין דעם גוף פון מענטש.

**וויבאַלד** מיר ווייסן אַז 'זה היום תחילת מעשיך זכרון ליום הראשון' - ראש השנה איז געווען דער טאָג ווען אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן, ממילא, ווען מיר 'בלאָזן' שופר דאָ אויף דער וועלט, זענען מיר דאָך גורם אַז אויך דער אויבערשטער כביכול זאָל בלאָזן, און ער 'בלאָזט' אַריין אַ נייע בריאה אינעם מענטש. קומט אויס, אַז דער מענטש האָט דעמאָלט מער נישט קיין שייכות מיט זיין עבר, נאָר ער ווערט געבוירן פונדאָסניי, ווי אַ נייע באַשעפעניש, און אפילו אויב ביז יעצט איז זיין מזל געווען נישט גוט ח"ו, קען זיך דאָס מזל פון יעצט און ווייטער איבערדרייען צום גוטן.

**מיט** אונזער קליינעם שכל, קענען מיר נישט באַגרייפן די גרויסע רחמים וואָס ווערן נתעורר דורך דעם סדר פון די תקיעות, בטל צו מאַכן אַלע שלעכטע גזירות, און משפיע צו זיין אַלע גוטע השפעות, סיי מיט סייעתא דשמיא ברוחניות[סו], אין עבודת הבורא, און סיי גוטע השפעות בגשמיות, אין בני[סז], חיי[סח], מזוני[סט], עס זאָל אונז אייביג זיין גוט.

---

**סו.** הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט ('דברי חלומות', יד) אַז יעדע מצוה האָט אין זיך אַ ספּעציעלע קדושה, לויט דעם אור פון יענע מצוה. **די מצוה פון תקיעת שופר, ברענגט אַריין יראה אין האַרץ פונעם מענטש**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ג, ו) 'אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו'. און דאָס איז דער הויפּט פאַרלאַנג פון יעדן איד, ווי דער פסוק זאָגט (דברים י, יב) 'מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך וגו'', און אויך זאָגט שלמה המלך ע"ה (קהלת יב, יג) 'סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא וגו' כי זה כל האדם'. און צוליב דעם איז די מצוה פון תקיעת שופר אין ראש השנה, כדי **אַריינצוגעבן יראת שמים אין האַרץ פונעם מענטש אויפ'ן גאַנצן יאָר...**

רבי צדוק הכהן פירט אויס: און אַלע געדאַנקען פון יראת שמים וואָס דער מענטש טראַכט א גאַנץ יאָר, אַלעס קומט פון דעם קיום פון די מצוה פון שופר אין ראש השנה.

אַן ענליך לשון (נאָר לגבי לימוד התורה), שרייבט רבי צדוק הכהן זצ"ל אויך אויף אַן אַנדער אָרט ('רסיסי לילה', אות לה) **אַז אונזער גאַנצער כח צו לערנען תורה במשך פון גאַנצן יאָר, קומט פונעם כח פון שופר אין ראש השנה.**

**סז. תקיעת שופר איז מסוגל אויף פקידת עקרות**, ווייל די אותיות וואָס קומען נאָך דעם וואָרט 'עקרה' זענען 'שופר', דאָס איז אַ רמז אַז דער שופר ווערט זיי אַרויסנעמען פון גדר פון עקרות.

**סח.** הרה"ק בעל 'עטרת ישועה' זי"ע זאָגט ('עטרת ישועה', פ' כי תצא, ד"ה 'או יאמר כי תצא') **אַז אין זכות פון תקיעת שופר, איז מען זוכה צו אריכות ימים.** ער איז עס מרמז אין די ווערטער פון חז"ל (ר"ה כו:) 'שופר מאריך', אַז דורך דעם שופר איז מען זוכה צו אריכות ימים. אויך איז 'מאריך' פון לשון 'ארוכה' - **אַ רפואה שלימה** ('עטרת ישועה', פ' ראה).

**סט.** הרה"ק בעל 'עטרת ישועה' זי"ע האָט געזאָגט (ליל ר"ה קודם קידוש, ד"ה 'בהפטרת פנחס'), אַז דאָס וואָרט 'תקעו' באַטרעפט 576, אַזוי ווי 'עושר'. דאָס איז אַ רמז אַז **דער שופר איז בכח צו עפענען די טויערן פון פרנסה בהרחבה** פאַר אידישע קינדער.

ענליך שרייבט הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע (לר"ה, ד"ה 'תקיעת') אויף די ווערטער פון די גמרא (שבת קיז:) 'תקיעת שופר ורדיית הפת' - אַ רמז אַז **די מצוה פון תקיעת שופר איז משפיע פרנסה.**

עס שטייט אין ספר 'שער המלך' (שער ג, פ"ד) אַז ווען מ'בלאָזט שופר, און מ'מאַכט פריער די ברכה, זאָל מען נתעורר ווערן מיט אַ גרויס געוויין, ספּעציעל **ווען מ'ענטפערט 'אמן' נאָך די ברכה, ווייל דעמאָלס ווערט פאַרשריבן די קצבה פון פרנסה און די גאַנצע שפע פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר**, ע"כ.

הגה"ח רבי אברהם גאָטליב האָט דערציילט, אַז אַלס בחור האָט ער געלערנט אין דער ישיבה פון ווישאָוועער רב הרה"ק רבי מענדעלע זצ"ל. אַמאָל זענען אָנגעקומען אין ווישאָווע צוויי תלמידים פון דער ישיבה פונעם 'חפץ חיים' זצ"ל אין ראַדין, צו זאַמלען געלט פאַר אַ דבר מצוה. איידער זיי זענען אַוועקגעפאָרן פון שטאָט, האָט מען געבעטן די צוויי ראַדינער תלמידים זיי זאָלן זאָגן עטליכע ווערטער פאַר די תלמידים פון די ישיבה. האָבן זיי דערציילט, אַז אין ראַדין איז געווען איינגעפירט צו מאַכן אַ 'הפסקה' פאַר תקיעת שופר, אַזוי ווי ס'איז דער מנהג אין אַלע תפוצות ישראל. אַסאַך תלמידים פון די ישיבה האָבן אויסגענוצט די צייט צו מאַכן די נויטיגע הכנות צו תקיעת שופר, אָבער עס זענען געווען בחורים וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ראַדין, און אַריינגעגאַנגען אין די בתי מדרשים צו זעהן וויפיל אידן עס דאַווענען אין יעדע שול, ווער ס'איז דער בעל תפילה, און וואו מ'האַלט יעצט... צוריקקומענדיג אין ישיבה, האָבן זיי דערציילט פאַר די אַנדערע בחורים וואָס זיי האָבן געזעהן אין די אַנדערע בתי מדרשים.

איינמאָל ווען זיי זענען געשטאַנען פאָרענט פון די ישיבה און איבערגעגעבן זייער 'אנאליז', איז דער 'חפץ חיים' זי"ע אַריינגעקומען צו די תקיעות, און געהערט זייער שמועס, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען פון וואָס מ'רעדט דאָ... אַריינקומענדיג אין שול, איז דער 'חפץ חיים' אַרויף אויף די טרעפּן פון ארון קודש, און געזאָגט אַ משל צו אַ בן יחיד וואָס זיינע עלטערן האָבן איהם געשיקט מיט מסירות נפש צו לערנען אין אַ ישיבה וואָס איז געווען ווייט פון זייער שטאָט, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז זייער בן יחיד זאָל אויסוואַקסן גרויס אין תורה און יראת שמים.

אין יענע צייטן, איז געווען שווער צו שטיין אין פאַרבינדונג פון איין שטאָט צו די אַנדערע, ספּעציעל אַזאַ ווייטע שטרעקע. אַזוי זענען אַריבער יאָרן וואָס די עלטערן האָבן נישט געהערט פונעם זון, און דער זון האָט נישט געהערט פון די עלטערן. אין אַ טאָג איז די מאמע פונעם בחור געוואָרן נישט געזונט ל"ע און נאָך עטליכע יאָר איז זי אַוועק פון דער וועלט רח"ל. דער טאַטע איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט ווויסנדיג ווי אַזוי ער קען לאָזן וויסן אַזאַ 'בשורה' פאַר זייער בן-יחיד. האָט ער זיך באַראָטן מיט עטליכע פון זיינע ידידים, און זיי האָבן איהם גע'ע'צה'ט צו שיקן פאַר זון אַ נייעם בגד, און ער זאָל אַריינלייגן אין טאַש אַ צעטל, וואו עס זאָל זיין אויפגעשריבן די ביטערע בשורה פון זיין מאמע'ס פּטירה. אַזוי וועט זיין לייכטער פאַר דעם זון, ווייל זייענדיג פיל מיט פרייד מיט'ן אנצוג, וועט אַביסל 'פאַרזיסן' זיין טרויער און צער.

דער טאַטע האָט אַזוי געטוהן. ער האָט געקויפט אַ שיינעם אנצוג און עס געשיקט צו זיין זון דעם בחור אין דער ווייטער ישיבה. דער בחור האָט זיך זייער געפרייט מיט'ן אנצוג, אָבער ווען ער האָט געטראָפן דאָס צעטל מיט די ביטערע בשורה איז זיין גאַנצע פרייד געוואָרן איבערגעדרייט צו טרויער ל"ע.

דער נמשל איז, ראש השנה איז דער יום הדין, 'היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים', און כדי מיר זאָלן עס נישט אָננעמען שווער האָט מען עס באַהאַלטן אין אַ יום טוב, ווי ס'איז מרומז אין פסוק 'בכסה' ליום חגינו. **מ'דאַרף אָבער וויסן, אַז דער וועג ממתיק צו זיין און מבטל זיין די גזירות וואָס ווערן אַריינגעשריבן אין די צעטלעך, איז דורך תקיעת שופר, דורך דעם 'תקעו' איז מען ממתיק אַלס וואָס עס שטייט געשריבן 'בכסה', און ממילא, איז אַ וואונדער ווי אַזוי איר וואַגט צו רעדן 'דברים בטלים' אין אַזאַ הייליגן און געהויבענעם זמן...** אדרבה, אַז מ'האָט שכל פאַרשטייט מען זיך צוצוגרייטן ווי ס'דאַרף צו זיין צו די תקיעות, און דאַן איז מען זוכה איבערצודרייען אַלעס צום גוטן, און צו פועל'ן אַ 'שנה טובה ומתוקה', אמן.

מיין זיידע, הגה"ח רבי שמעון אהרן הערשקאָוויץ זצ"ל, האט געזאָגט אַ משל, אַ יונגער מענטש איזליידער אַוועק פון דער וועלט רח"ל, אַ זאַך וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רעש אין דער גאַנצער שטאָט. יעדער האָט באַוויינט דעם יונגען נפטר איבער דעם גרויסן אומגליק רח"ל וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט. צווישן דעם עולם ביי דער לוי' האָט זיך אַרומגעדרייט זיין קליין קינד, אַ יונגל, וועלכער האָט נאָך נישט געקענט באַגרייפן די גרויסע צרה וואָס האָט איהם ליידער געטראָפן, וויפיל זיין טאַטע וועט איהם אויספעלן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט זיך דעריבער גענומען שפּילן מיט'ן טלית מיט וועלכן זיין טאַטן'ס גוף איז געווען צוגעדעקט, און און געשלעפּט די ציצית. איז אַ איד צוגעגאַנגען צום קינד, און איהם געזאָגט: 'מיין טייער קינד, ווייסטו ווער עס ליגט אונטער דעם טלית? עס איז דאָך דיין ליבער טאַטע, וואָס מער וועסטו נישט זוכה זיין איהם צו זעהן'.

דער נמשל איז, **אָט אַזוי דאַרפן מיר נתעורר ווערן אין ראש השנה, ווייל אַלע דרייען זיך אַרום פרייליך און רואיג, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס עס ליגט באַהאַלטן 'אונטער דעם טלית' - 'בכסה ליום חגינו', און וואָס מ'האָט**

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט (עירין קדישין השלם) אַז אויב מענטשן וואָלטן געוואוסט ווי גרויס ס'איז דער 'עת רצון' וואָס הערשט ביי תקיעת שופר, וואָלטן זיי אָנגעכאַפּט די צייט מיט ביידע הענט[ע].

**כתבנו בספר זכויות - מקבל זיין גוטע קבלות אויפ'ן גאַנצן יאָר** **אַ** גרויסער חלק פון תשובה, איז צו נעמען אויף זיך גוטע קבלות און גדרים און סייגים, יעדער איינער לויט זיין מצב[עא], און אַזוי קען מען שטייגן אין עבודת השי"ת, נענטער ווערן צום בוכ"ע, און מיטנעמען די התעוררות אויף ווייטער.

**דאָס** איז ספּעציעל געזאָגט געוואָרן יעצט, ווען מיר שטייען ביים אנהייב פונעם יאָר, דאַרף מען נעמען אויף זיך גוטע קבלות אויפ'ן גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה.

---

**פאַרשריבן אויף יעדן איינעם ביים משפט אין דעם טאָג. אָבער מיט תפילה און תחנונים פאַר דעם באַשעפער, איז מען זוכה אַז עס זאָל ווערן צוגעדעקט 'אונטער דעם טלית', אַ גרויסע שפע מיט אַלע טובות און ברכות.**

**ע.** עס שטייט אין ספר 'אור דוד' (פון הגאון רבי דוד מייזליש זצ"ל, אסתר א, א) אויף די ווערטער פון די גמרא (ר"ה כז:) 'כל הקולות כשרין בשופר', אַלע קולות זענען כשר ביי אַ שופר. סיי אויב דאָס קול פון דעם שופר איז געווען דיק, און סיי עס האָט אַרויסגעגעבן אַ דינעם קול, איז דער שופר כשר, און מ'האָט יוצא געווען די מצוה פון תקיעת שופר.

זאָגט דער 'אור דוד', אַז דאָס איז אַ רמז, אַז **ווען מ'בלאָזט שופר הערשט אַ גרויסער 'עת רצון' אין הימל**, און עס שטאַרקן זיך די רחמים, און **עס ווערן דעמאָלס אָנגענומען אַלע תפילות.** אַלע 'קולות' וואָס מ'האָט געדאַוונט אין משך פון יאָר, זענען כשר און זענען אָנגענומען געוואָרן פאַר דעם אויבערשטען סיי אַ 'דיקער' קול, דאָס הייסט, אויב מ'האָט מתפלל געווען אויף גשמיות'דיגע געברויכן, ענינים פון עולם הזה, און סיי אויב דאָס קול איז געווען 'דין', דאָס הייסט, פאַר עבודת השם יתברך, אַלעס ווערט 'כשר' ווען מ'בלאָזט שופר...

חודש אלול שנת תש"פ, איז אַ לייטישער בחור אַריינגעגאַנגען לערנען אין ישיבה גדולה. צוליב אַ סיבה, האָט ער נישט באַוויזן צו טרעפן אַ חברותא צו לערנען מיט איהם ביים צווייטן סדר נאָכמיטאָג, און ער האָט געדאַרפט לערנען אַליין, אָן אַ חברותא. ס'איז געווען זייער שווער פאַר איהם און פאַר זיינע עלטערן.

פאַר ראש השנה תשפ"א, האָט דער פאָטער פונעם בחור איהם געזאָגט, אַז ער האָט זיך יעצט דערמאָנט, אַז דרייסיג יאָר צוריק האָט ער געהערט אַ שיעור פון אַ חשוב'ן מורה הוראה אין ירושלים, דער גאון רבי ישראל גאנעס שליט"א, וואו ער האָט דערציילט, אַז ווען ער איז אַריין אין ישיבה גדולה אַלס בחור, האָט ער דאָרט נישט געפונען אַ 'חברותא' מיט וועמען צו לערנען נאָכמיטאָג, און פאַר ראש השנה האָט ער געהערט, אַז ביי פּתיחת הארון איז אַ גרויסער עת רצון פאַר קבלת התפילות, און וויבאַלד אין ראש השנה עפנט מען דעם ארון הקודש ביים דאַווענען, האָט ער יעדעס מאָל ביי 'פּתיחת הארון' מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען, ער זאָל זוכה זיין צו אַ גוטע חברותא, כדי ער זאָל שטייגן אין לערנען. דער אויבערשטער האָט טאַקע געהערט זיין תפילה, און תיכף מוצאי ראש השנה, איז זיין מגיד שיעור צוגעקומען צו איהם, און אָנגעבאָטן צו לערנען מיט איהם צוזאַמען, און זינט דעמאָלס, האָט ער, ברוך השם, גרויס הצלחה אין זיינע לימודים.

אַלזאָ, דער טאַטע פונעם בחור האָט יעצט, אָנגעבאָטן פאַר זיין זון, ער זאָל אפשר אויך אַזוי טוהן, און מתפלל זיין ביי 'פּתיחת הארון'. וכך הוה. און וואונדער איבער וואונדער: מוצאי יום טוב, איז איינער פון די ראשי הישיבה צוגעקומען צו איהם און איהם געזאָגט, אַז ער פירט זיך שוין אַסאַך יאָרן צו לערנען אינעם צווייטן סדר מיט אַ בחור פון שיעור א', און ער וויל דעריבער באַשטימען מיט איהם צו לערנען צוזאַמען פון ראש חודש חשון הבעל"ט (און דאָס וואָס ער האָט נישט אָפּגעשמועסט מיט איהם אָנהייב חודש אלול, נאָר ער האָט געוואַרט ביז יעצט, איז געווען צוליב דעם וויל פאַריאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען מיט זיין פריערדיגע חברותא ערשט אין חודש חשון, און דער בחור האָט איהם געבעטן ער זאָל ווייטער ממשיך זיין צו לערנען מיט איהם אויך אין חודש אלול, כדי דער לימוד בחברותא זאָל זיין אַ גאַנץ יאָר...)

פון דאָ זעהען מיר, ווי ווייט ס'איז כדאי אויסצונוצן יעדן עת רצון פאַר קבלת התפילות, **און ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערער 'עת רצון' ווי אין די הייליגע טעג, הבאים עלינו לטובה.**

**עא.** 'עצה טובה קא משמע לן', מ'זאָל אָנהייבן מיט **קליינע קבלות**, דאַן קען מען שטייגן צעביסלעך און גיין העכער און העכער, ביז מ'קומט אָן צו אַ גוטן תכלית, ווייל דער אויבערשטער פאָדערט פון דעם מענטש נאָר די התחלה, און דער אויבערשטער טוט שוין צוענדיגן.

אַזוי האָט געזאָגט דער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע, אַז אַ גוטע קבלה וואָס דער מענטש נעמט אויף זיך אין די הייליגע טעג, איז אַ נייע קלייד, צום נייעם נפש, צום נייעם יאָר.

**דאָס** איז די בעסטע עצה זוכה צו זיין בדין, ווי דער ריטב"א ז"ל שרייבט דעם וואס די גמרא זאגט (ר"ה טז:), אַז אַ 'שינוי מעשה' - דער מענטש טוישט זיינע מעשים צום גוטן - צורייסט דעם גזר דין פונעם מענטש. זאגט דער ריטב"א, מ'קען נישט זאָגן אַז 'שינוי מעשה' מיינט, ער טוט תשובה אויף זיינע שלעכטע מעשים, ווייל דאָס איז דאָך פשוט אַז ס'איז נישט פאַרהאַן קיין תשובה אויב ער קערט זיך נישט צוריק פון זיין שלעכטן וועג, ווייל דעמאָלס איז ער אַזוי ווי איינער וואָס טובל'ט זיך אין מקוה בשעת ער האַלט אַ שרץ אין האַנט, נאָר די כוונה איז אויף מעשים פון 'רשות' - וואָס מ'מעג טוהן, נאָר ער האָט עס נישט געטוהן אויף אַ פאַסיגן אופן. אין אנדערע ווערטער, דורך נעמען יעצט אַ קבלה, צורייסט דעם גזר דין און אַזוי וועט זיין משפט געטוישט ווערן צום גוטן[עב].

**הגה"צ** רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל זאָגט ('לב אליהו', מערכות התשובה, ע' שמא) די ווערטער פון די משנה (אבות פ"ד מי"א) רבי אליעזר בן יעקב זאָגט, ווען דער מענטש טוט אַ מצוה, קויפט ער זיך איין אַ 'פרקליט' - אַ מליץ-יושר וואָס זאָל זאָגן גוטס אויף איהם אין הימל.

---

דאָס איז מרומז אין דעם וואָס עס ווערט געפסק'ענט ביי תקיעת שופר (או"ח סי' תקפ"ו, סי"ב) אַז די צורה פונעם שופר דאַרף זיין ברייט פון איין זייט, און ענג פון די צווייטע זייט. דאָס איז אַ רמז, אַז **ס'איז גענוג אָנצוהייבן מיט די 'ענגע' און 'שמאָלע' זייט, מיט קליינע קבלות**, און צום סוף קען מען אָנקומען צו אַלע גוטע מעלות און מידות, ווי חז"ל זאָגן (זעה שהש"ר פ"ב, ב) פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם.

### מן הבאר

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אַ רמז ('שיר שרפי קודש', ח"א, תצו, געברענגט אין 'ליקוטי הרי"ם', ר"ה כה:) אויף די ווערטער פון די גמרא (ר"ה כה:) 'יפתח בדורו כשמואל בדורו'. **אויב דער מענטש 'עפענט' אַ 'טירל' אין עבודת השם, איז עס חשוב ביי דעם אויבערשטען אַזוי ווי 'שמואל בדורו'**, אפילו אויב ער עפענט נאָר אַ קליין טירל, **ווייל ער טוט עס 'בדורו' - אין זיין דור, זיין שוואַכן מצב**, ווערט זיין עבודה גערעכענט אַזוי ווי די עבודה פון דעם נביא שמואל.

די ספרים זאָגן אַ רמז אין דעם מאמר חז"ל (ילקוט ראובני, פ' האזינו, ד"ה 'והאסף') אַז דער חילוק צווישן גיהנום און דעם גן עדן איז נאָר אַ 'חוט השערה'. דאָס איז אַ רמז אויף די גוטע קבלה, **אויך אויב עס איז נאָר ווי אַ 'האָר', איז עס בכח אַרויסצונעמען דעם מענטש פון גיהנום, און איהם אַריינצופירן אין גן עדן.**

**עב.** נאָנט צו זעקס יאָר צוריק, **י"ב כסלו** תש"פ, האָט פאַסירט אַ שרעקליכער אומגליק ווען אַ אַ גוי אַ מערדער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ אידישן 'סופערמאַרקעט' אין דזשוירזי סיטי, ניו דזשוירזי, און גע'הרג'עט עטליכע טייערע אידישע נפשות, הי"ד. אַ פרוי וואָס האָט געזאָלט זיין דעמאָלס אינעם געשעפט איז אָנגעקומען שפעט, און אַזוי איז זי געראַטעוועט געוואָרן פון די מערדערישע הענט פונעם רוצח.

זאָגט די פרוי, אַז לויט איר מיינונג, האָט דער נס פאַסירט מיט איר, אַז זי איז געראַטעוועט געוואָרן **אין זכות פון אַ גוטע 'קבלה'**, ווייל צוויי חדשים פריער, **יום כיפור**, ווען זי איז געווען אין שול, און מ'האָט געזאָגט 'ונתנה תוקף', איז זי שטאַרק נתעורר געוואָרן, און זי האָט גענומען אויף זיך אַ געוויסן 'הידור' אין דעם אופן ווי אַזוי זי דעקט-צו איר קאָפּ. נאָך סוכות האָט זי באַשטעלט דעם צודעק וואָס זי האָט גענומען אויף זיך, און דאָס פעקל מיט'ן צודעק האָט געדאַרפט אָנקומען צו איר אַהיים. עס האָט אָבער געשפעטיגט אָנצוקומען ביז יענעם טאָג, י"ב כסלו. יענעם טאָג, ווען זי האָט געעפענט די טיר אַרויסצוגיין פון הויז צו גיין אין דער ריכטונג פון יענעם געשעפט, האָט זי באַמערקט אַז דאָס פעקל מיט'ן צודעק איז אָנגעקומען. איז זי צוריק אַריין אין הויז, און האָט אָנגעטוהן דעם צודעק. יענע מינוטן איז פאַרגעקומען די שיסעריי, אַזוי אַז ווען נישט דאָס פעקל, וואָלט זי דאַן געווען אין דעם געשעפט, און ווער ווייסט וואָס עס וואָלט פאַסירט מיט איר...

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דער תנא אַ לשון הוה, 'העושה' מצוה אחת, און נישט אַ לשון עבר, 'מי שעשה' - דער מענטש וואָס ער האָט געטוהן אַ מצוה. אויך דאַרף מען פאַרשטיין פשט פון 'מצוה אחת' - איין מצוה.

**זאָגט** רבי אליהו לאָפּיאַן, אַז דער תנא רעדט נישט דאָ פון איינעם וואָס איז מקיים עפּעס אַ מצוה, נאָר פון איינעם וואָס מאַכט אַ 'קביעות', ער איז מקבל אויף זיך מקיים צו זיין אַ געוויסע מצוה, קויפט ער זיך מיט דעם אַ מליץ-יושר פאַר'ן יום הדין.

**אַזוי** האָבן צדיקים געטייטשט דעם פסוק (תהלים כז, ג-ד) 'אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח, אחת', איך פאַרזיכער זיך אין צייט פון אַ 'מלחמה' (מיט'ן מקטרג) אין דעם יום הדין. אחת' - אויף איין 'גוטע קבלה' וואָס איך וועל נעמען אויף זיך צו שטאַרקן זיך אין עבודת השם, ממשיך צו זיין די הארות פון די הייליגע טעג אויפ'ן גאַנצן יאָר. אַפילו אַ קליינינגקייט איז אויך גענוג צו זאָגן גוטס פאַר דעם מענטש אינעם יום הדין.

**מיר** זענען מתפלל צום באַשעפער, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה, אונזערע שונאים און מקטריגים זאָלן זיך אָפּטוהן און דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרימען אויף אונז, תחל שנה וברכותיה, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

# קידמנוך תחילה

אַ מורא'דיגע מעשה, וועלכע געט אַ שטיקל באַגריף און פאַרשטאַנד איבער "תשובה", האָט פאַסירט **פאַריאָר, חודש אלול תשפ"ד.**

אינעם עיר הבורה לאָנדאָן יצ"ו, אין איינע פון די אַרומיגע שטעטליך, אינדרויסן פון ווי עס וואוינען די ערליכע, היימישע ציבור, האָט געוואוינט אַ איינצעלע, עלנדע פרוי, וואָס עס איז בכלל נישט געווען מערקבאַר אויף איר אַז זי איז מזרע ישראל. אין איינע פון די טעג אין חודש אלול, איז אריינגעקומען אַ רוף אין די הויפטקווארטירן פון די ארטיגע 'חברת שומרים', אויף די אנדערע זייט טרייבל האָט זיך געהערט אַ באַזאָרגטע קול פון איינע פון די שכנים פון די דערמאַנטע פרוי, און זי זאָגט אַז מיר ווייסן קלאָר אַז אונזער שכן'טע, די פרוי, איז באמת אַ איד, און ס'איז שוין עטליכע טעג וואָס זי איז נישט ארויסגעקומען שמועסן און פאַרברענגען מיט אירע שכנים, אַזוי ווי זי טוט געווענליך. דעריבער זענען זיי שטאַרק באַזאָרגט אויף איר וואוילזיין, אפשר האָט עפעס פאַסירט מיט איר אין הויז.

די 'חברת שומרים' האָבן רעאגירט מיט שנעלקייט, און ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען האָבן זיי אָנגעהויבן קלאַפן און זעצן אויף די טיר, אבער ווען קיינער האָט נישט געעפענט די טיר, האָבן זיי אויפגעבראָכן די טיר און אריינגעלאָפן אינעם הויז זוכנ'דיג פאַר די פרוי. אבער זיי האָבן איר נישט געפונען אין שטוב.

ווי נאָר זיי האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, איז פלוצלינג די פרוי אָנגעקומען צום טיר פון איר הויז, און צו איר ערשטוינונג, זעהט זי, נישט מער און נישט ווייניגער אַ ריזן בהלה און איר טיר איז אויפגעבראָכן... די 'חברת שומרים' האָבן איר פראָבירט צו פאַרשטיין געבן, אז אירע שכנים האָבן זיך געזאָרגט פאר איר און דעריבער האָט דאָס פאַסירט...

- האָט די פרוי געפרעגט מיט וואונדער, פאַרוואָס האָבן מיינע שכנים זיך געזאָרגט פאַר מיר?!

- האָבן זיי געענפערט, ווייל זיי זאָגן אז געווענליך איז אייער סדר צו זיצן און פאַרברענגן אינדרויסן מיט די שכנים און חבר'טעס, און שוין עטליכע טעג וואס איר זענט נישט געזעהן געוואָרן.

- האָט די פרוי זיך אָנגערופן אַן ערשטוינטער, **וואָס?! ענק ווייסן נישט אַז ס'איז חודש אלול, מען דאַרף תשובה טוהן, רעדט מען ווייניגער, חודש אלול רעדט מען ווייניגער...**

און אזוי 'בדרך אגב' דערציילט זי פאַר זיי, אז וויבאַלד יעצט איז דאָך די צייט וואָס יעדער טוט פאַררעכטן זייערע מעשים, דעריבער האָט זי מחליט געווען, יעצט צו קויפן פאַר זיך, אַ חלקה, פאַר נאָך די 120... און דערביי שלעפט זי ארויס די דאָקומענטן וועלכע זי האָט נאָרוואס אינטער-געשריבן ביי די חברה קדישא...

די וואלאונטירן און אַלע ארומיגע, זענען אַרויס פון דאָרט אויפגעשאקעלט מיט אַ לעבעדיגע מוסר השכל, פאַרשטייענדיג 'אביסל' דעם באַגריף וואָס איז דאָס 'אלול'. ווייל אפילו אַ פרוי, וואָס איז נעבעך אַזוי ווייט שוין, ליידער, **אבער דאָס האָט זי געלערנט ביי איר טאַטע אין שטוב, אַז אַזוי דאַרף אלול אויסזעהן!**

די מעשה איז נאָכנישט פאַרטיג. אַ קורצע צייט שפעטער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט **די וואונדערליכע השגחה פרטית** פון די מעשה. בערך 9 חדשים שפעטער, חודש סיון תשפ"ה, זענען די 'שומרים' נאכאַמאָל געריפן געווארן דורך אירע שכנים. ווייל שוין ווידער וואָס מען זעהט איר נישט עטליכע טעג אינדרויסן, און דאָסמאָל ווען זיי האָבן אויפגעבראָכן די טיר, האָבן זיי איר געטראָפן שוין נישט בין החיים ל"ע. וויבאַלד זי איז געווען אַ עלנדע פרוי, אָן קיין שום משפחה, האָבן די גוים געוואָלט איר באַערדיגן צווישן די גוים, לויט ווי די געזעץ פאַרלאַנגט אַז אויף אַ עלנדע מענטש, קענען די באַאַמטע מחליט זיין ווי צו באַערדיגן דעם נפטר.

די וואַלאונטירן אויפן צענע האָבן אבער 'גוט געדענקט' וואָס די פרוי האָט זיי דערציילט, אַז זי האָט זיך אין חודש אלול, געקויפט אַ חלקה אינעם אידישן בית החיים, דעריבער האָט מען אויפגעזוכט אירע דאָקומענטן, און אין דעם זכות האט זי זוכה געווען צו קומען לקבר ישראל.

עס האָט דערציילט איינע פון די תלמידים פון הגה"צ רבי גדליה אייזמאַן זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה 'קול תורה', אַז אַמאָל ערב ראש השנה פאַרנאַכטס האָט ער באַגלייט רבי גדליה'ן אויפ'ן וועג גייענדיג אין שול, און ער האָט געבעטן פון זיין רבי'ן אַז ער זאָל איהם זאָגן אַ וואָרט פון חיזוק און התעוררות צום גרויסן הייליגן טאָג פון ראש השנה. האָט רבי גדליה איהם געזאָגט: **'עס זענען נאָך איבערגעבליבן אַ פּאָר מינוט אין חודש הרחמים אלול, און מ'דאַרף עס אויסנוצן'...**